STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04740

UNZER KLYATSHE

Maria Konopnicka

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ.

אונזער קליאַטשע

ייִדיש: יעקב רייזפּעדער.

פאַרלאַג
„אונזער בוך“
וואַרשע 1922.

אונזער קליאטשע

אָנגעהויבן האָט זיך עס פון אַלטן בעט, אויף וועלכן מיר זענען אַלע דריי געשלאָפן.

יענעם טאָג, איז דער טאַטע עפּעס ביז צוריקגעקומען פון טייך און אוועקזעצנדיק זיך אויף דער באַנק, האָט ער אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער האַנט. די מאַמע האָט אים געפרעגט איינמאָל און נאָכאַמאָל, וואָס עס איז אים, נאָר ערשט נאָכן דריטן מאָל פרעגן האָט ער געענטפערט, אַז די אַרבעט אַרום די ריזלשטיינדלעך האָט זיך געענדיקט, און אַז איצט וועט די קליאַטשע בלויז זאַמד פירן. פעלעק האָט מיר גלייך אַ שטורך געטון אין דער זייט, און די מאַמע האָט שטיל געקרעכצט.

דער טאַטע האָט געזאָלט גיין פאַרנאַכט נאָכן דאָקטאָר, נאָר ער האָט זיך עפּעס נישט געאיילט. ער איז אַרומגעגאַנגען, האָט געקלערט, אַרומגעזיכט איבער די ווינקלען, פּלוצלינג איז ער שטיין געבליבן פאַר דער מאַמען און געזאָגט.

— וואָס עפּעס די יינגלעך אויפן בעט, אַנולקאַ ? איך שלאָף אויף דר'ערד, טאָ קאָנען זיי אויך.

מיר האָבן זיך איבערגעקוקט. צוויי גאָלדענע פונקען האָבן אויפגעבליצט אין פעלעקס גרויע אויגן. אמת ! וואָס עפּעס מיר אויפן בעט ? מען דאַרף נאָר היטן פּיאָטרושן, אַז ער זאָל נישט אַרויספאַלן.

— ווייטער : געפאָרן דערמיט ! — האָט פעלעק געשריגן און איידער די מאַמע האָט באַוויזן צו ענטפערן, האָבן מיר שוין אַלע דריי געהאַט אַראָפּגעשלעפּט דעם שעניק אויף דר'ערד, און פעלעק האָט גענומען מאַכן קאָזשעלקעס אויף אים.

נאָכן אַראָפּציען אָבער דעם שעניק, האָט זיך אַרויסגעוויזן. אַז אינם בעט פעלן צוויי ברעטער, און איין זייט צונעמט זיך איינגאַנצן. דער האַנדלאַזש, וועלכן דער טאַטע האָט מיך געהייסן אַריינרופן, האָט דערפאַר נישט געוואָלט אַפילו רעדן וועגן דעם בעט. ער האָט צוזאַמענגעשאַרט די אָפּגעציילטע קופּערנע מטבעות אינם זעקעלע, האָט עס צוגעבונדן און פאַררוקט טיף הינטערן כאַלאַט. דער טאַטע האָט אים אָפּגעלאָזט אַ צענערל, דערנאָך צוויי, דערנאָך אַ גאַנצן גילדן, נאָר דאָס יידל האָט זיך איינגעשפּאַרט. ערשט פון היינט האָט ער די באָרד אַריינגעשטעקט אין דר שטוב, אָנבאָטנדיק אַ האַלבן רובל אָן זיבן גראָשן. אויב דער טאַטע וועט איבער אויך דאָס קישן פאַרקויפן.

דער טאַטע איז שטיין געבליבן, האָט אַ קוק געטון אויף דער מאַמען; צרום און אַרום האָט געזאָלט זיין עלף גילדן.

—וואָס יינגלעך ?—האָט ער ענדליך געפרעגט—איר וועט זיך באַגיין דערווייל אָן דעם קישן, ווי לאַנג די מאַמע איז קראַנק ?

—אוי-אוי ! —האָט פעלעק אויסגעשריגן מיט אַ פאַרשטיקט קול, ווייל ער איז אין דער מינוט געשטאַנען אויפן קאָפּ, און נישט ענדערנדיק די פּאָזיציע, האָט ער דאָס קישן אַ וואָרף געטון אויף דער שטוב אַרויס. האָט עס פיאָטרוש אַ כאַפּ געטון און געוואָרפן עס אויף פעלעקן. פעלעק ווידער אויף מיר, ביז דער האַנדלאַזש האָט עס אונז אַרויסגעריסן פון די הענט, אַז מיר זאָלן עס נישט אַוועקרייסן.

—אָבער אָן די ציך-האָט זיך אָנגערופן מיט אַ שוואַך קול די מאַמע.

מיר האָבן גלייך אַרויסגעריסן דעם האַנדלאַזש דאָס קישן, וואָס ער האָט שוין געהאַלטן אונטערן אָרעם, און גענומען דערפון אַראָפּציען די ציך.

נאָכן אַראָפּציען אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין איין עק איז דאָס קישן אויפגעטרענט, און אַז עס שיטן זיך דערפון פעדערן. האָט ווידער דער האַנדלאַזש די עלף גילדן, נישט געוואָלט געבן, נאָר צען ווייניקער פופצן גראָשן.

מ'האָט זיך געדינגען אַהין, געדינגען אַהער. ער איז מושה געוואָרן מיטן טאַטן אויף גאַנצע צוויי רובל, נאָר אַז ער זאָל אים

נאָך צוגעבן אונזער קאָלדרע.

דער טאַטע האָט אַ קוק־געטון אויף דער מאַמען. זי איז געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט און בלייך, אַז זי האָט ווי אַ טויטע אויסגעזען, ליגנדיק אויפֿן נאַקן מיט טיף איינגעפֿאַלענע אויגן.

—אַנולקאַ?... —האָט דער טאַטע פֿרעגנדיק געשעפּטשעט.

נאָר דער מאמען האָט אָנגעכאַפּט אַ הוסט, און זי האָט נישט געקאָנט ענטפֿערן.

—די קאָלדרע דאָרט, טאַטע, ווילן מיר נישט!—האָט אַ געשריי געטון פֿעלעק—מיר מוזן זיך נאָר יעדע נאַכט שלאָגן צוליב דער דאָזיקער קאָלדרע. זאָל וויצעק זאָגן!...

—אמת, טאַטע—האָב איך מיט היץ באַשטעטיקט—יעדע נאַכט מוזן מיר זיך שלאָגן, ווייל זי גליטשט זיך אַרונטער...

דער האַנדלאַזש האָט שוין די קאָלדרע צוזאַמענגעלייגט און אַרונטערגענומען זי אונטערן אָרעם. מיר זיינען אַרויסגעלאָפֿן נאָך אים מיט טריומף אויפֿן הויף אַרויס.

—איר ווייסט?—האָט אַ געשריי געטון פֿעלעק צו די יינגלעך, וואָס האָבן דאָרט געשפּילט אין „קליפּע"—אַ האַנדלאַזש האָט געקויפֿט אונזער בעט, די קאָלדרע און דאָס קושן! מיר וועלן איצט שלאָפֿן אויף דר'ערד אויפֿן בלויזן שעניק!...

—אַ גרויסע מעשה!—האָט געענטפֿערט מיט אַ געשריי דער בלייכער יוזשעק פֿונם שניידער אין דער לינקער אָפֿיצינע—איך שלאָף שוין ביים מייסטער צוויי יאָר אויף דר'ערד און אָן אַ שעניק אַפילו.

ער האָט אויף אונז אַן איינדרוק געמאַכט. הייסט עס, אַז אַזאַ שלאָפֿן איז שוין נישט געווען אונזער ערפֿינדונג.

דעמזעלבן טאָג איז ביי אונז געווען דער דאָקטאָר און איך בין אַזש צוויי מאָל געלאָפֿן אין אַפּטייק אַריין, ווייל דער מאַמען איז ווידער געווען ערגער; נאָר אַז סאיז געקומען דער אָוונט, האָבן מיר קוים געקאָנט די קאַרטאָפֿל אָפּעסן, אַזוי האָבן מיר זיך געאיילט אויפֿן שעניק, וואָס מיר האָבן אויסגעלייגט אין ווינקל הינטערן אויוון. פֿעלעק האָט מיטן ברויט נאָך אין דער האַנט אַנידער געקניט צום נאַכט־געבעט און כּסדר קוקנדיק צום שעניק, האָט

ער אין דו״ ורגעס אַמאָל-אָפּ געטון „פּאָטער אונזער“, זיך געקלאַפּט איבערן האַרץ.—אַזש די שטוב האָט געהילכט, און אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך בלויז די יופּע, האָט ער זיך גלייך אַוועקגעלייגט נעבן אויוון. וואָס אַן אמת, האָב איך אויך געהאַט בדעה, זיך צולייגן צום אויוון-צו; נאָר סהאָט זיך מיר נישט געוואָלט אָנהייבן מיט פּעלעקן, האָב איך אים אַ פּראַסק געטון איבערן אויער און האָבמיך געלייגט צו דער וואַנט-צו, און פּיאָטרושן האָבן מיר אַריינגענומען אינדערמיטן.

תחלת האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דער קאָפּ פּליט מיר אַראָפּ פון קאַרק; ווייל איך בין געווען געוואוינט צום קישן, נאָר דערנאָך האָב איך זיך אונטערגעלייגט דעם עלנבויגן און—גוט.

— מיטוואָס-זשע וועל איך אייך, עופהלעך, צודעקן?—האָט געזאָגט דער טאַטע, קוקנדיק, ווי מיר האָבן זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן.

ער האָט זיך אומגעקוקט איבער דער שטוב, האָט אַרונטערגענומען פון האָק זיין גראַנאַטעגעם פּלאַשטש, און האָט אים אַרויפגעוואָרפן אויף אונז.

מיר האָבן אַרויסגעלאָזט אַ געשריי פאַר תענוג און באַלד האָבן מיר אַריינגערוקט די הענט אין די אַרבעל. פּיאָטרושע בלויז האָט געפּישטשעט, נישט קאָנענדיק צוטרעפן צו זיי. האָבן מיר אים מיטן קאָפּ פון דער פּאָלערינע צוגעדעקט און ער איז שטיל געוואָרן. איידער דער טאַטע האָט זיך געלייגט, איז ער נאָך איינמאָל צוגעגאַנגען צו אונז.

— נו, וואָס? סאיז אייך וואַרים, קינדער? — האָט ער געפרעגט.

— מיר איז וואַרים דאָ — האָב איך געענטפערט טיף פון פּלאַשטש אַרויס.

— און מיר ווי!—האָט געשריגן פּעלעק.—אוי, טאַטע, מיר איז אַזוי הייס.

און ער האָט אַרויסגעשטעקט זיינע לאַנגע, דאַרע פיס כדי צו באַווייזן, ווי ער קאָן זיך באַגיין אָן אַ צודעק.

עס האָט ווירקלעך אַ ליבע וואַרימקייט זיך געגאָסן אויף אונז פֿונם אויוון, ווייל דער טאַטע האָט פֿאַרנאַכט געבראַכט קאָקס, האָט צובֿרענט אַ פֿייער און דער מאַמען אויפֿגעקאָכט טיי. מיר זענען טאַקי גלייך איינגעשלאָפֿן. נאָר פֿאַרטאָג האָט זיך פֿלוצלינג געמאַכט זער קאַלט. איך האָב דערפֿאַר אַריבערגעצויגן דעם פּלאַשטש אויף מיין זייט. פֿעלעק האָט זיך תּחילת צונויפֿגעקאָרטשעט אין שלאָף, נאָר דערנאָך האָט ער אויך אָנגעהויבן ציען דעם פּלאַשטש. און אַז איך האָב נישט געלאָזט, ווייל נעבן אויוון איז דאָך אים וואַרימער געווען פֿון מיר. האָט ער גענומען זיך אַליין טיפֿער אַרונטערוקן אונטער דעם פּלאַשטש.

ביי דעם אַרונטערוקן זיך, האָט ער געמוזט אַ דריק-טון פּיאָטרושן, ווייל דער קליינער האָט פֿלוצלינג אָנגעהויבן צופּישטשען און דערנאָך האָט ער זיך ערשט אויף אַן אמת צובעטשעט.

די מאַמע האָט שטיל אַקרעכץ-געטון איינמאָל און נאָכאַמאָל.

— פֿיליפּ! פֿיליפּ! — האָט זי גערופֿן מיט אַ שוואַך קול — טו נאָר אַ קוק צו די יינגלעך, ווייל פּיאָטרוש וויינט עפּעס...

נאָר דער טאַטע איז געשלאָפֿן.

— קינדער! — האָט זיך די מאַמע ווידער אָנגערופֿן — פֿאַרוואָס וויינט דאָרט פּיעטרוש?

— דאָס האָט אים פֿעלעק, מאַמע!... — האָב איך אָפּגעענטפֿערט.

— נישט אמת, מאַמע, דאָס האָט אים וויצעק!... — האָט ער גלייך אָפּגעשפּאַרט מיט אַ פֿאַרשלאָפֿן קול.

די מאַמע האָט נאָך שטילער אַקרעכץ-געטון, און אַז פּיאָטרוש האָט נישט אויפֿגעהערט צו וויינען, האָט זי זיך אַראָפּגעשלעפּט פֿון בעט, גענומען אים אויף דער האַנט און האָט אים צוגעטראָגן אויף איר געלעגער. אונז האָט זיך טאַקע באַלד געמאַכט גערוימער, האָט מיר פֿעלעק דערלאַנגט אַ שטורק אין דער זייט, איך אים — צוריק, און אויסדרייענדיק זיך איינער פֿון אַנדערן, זענען מיר געשמאַק געשלאָפֿן ביז אינדערפֿרי.

אין עטלעכע טעג אַרום איז ווידער געקומען דער האַנדלאַרזש. קיינער האָט אים נישט גערופֿן, נאָר ער איז גע-

קומען אַזוי פון איידלקייטווען—ווי ער האָט געזאָגט—צו דערוויטן זיך, ווי דער מאַמען איז בעסער. באַלד האָט ער אויך אָנגעהויבן אַרומגיין איבער דער שטוב, באַקוקן די שאַנק, די בענקלעך. נאָר דער טאַטע איז עפּעס אָנגעכמורעט געווען און האָט מיט אים קיין סך רעדן נישט געוואָלט.

צומאָרגנס איז דער האַנדלאַרזש ווידער געקומען. יענעם טאָג האָבן מיר געהאַט אויף מיטאָג קאַרטאָפל מיט זאַלץ בלויז, ווייל קיין געשמעלץ איז נישט געווען, דאָס ברויט האָט זיך אויך עפּעס אויסגעלאָזט, און פּיאַרוש איז אַוועק אין דער אָכראַנקע אָן אָנבייסן. מיך האָט דער טאַטע געהייסן צוגרייטן אַ זעקל אויף קוילן. האָט מיר פּעלעק אַ שטורך געטון אין דער זייט, אַז מיר וועלן, הייסט עס, האָבן וואַרים, ווייל דער ווינט האָט שרעקלעך געפּייפט איבער דער שטוב און באַלד האָבן מיר זיך צולאַכט. איך בין שוין געשטאַנען גרייט אַ היבשע ווילע, נאָר דער טאַטע האָט, ווייזט אויס, פאַרגעסן אין די קוילן, ווייל זיצנדיק אויף דער מאַמעס בעט, האָט ער זיך עפּעס פאַרטראַכט און געצופּט די וואָנסעס. איך האָב איינמאָל אַ הוסט געטון, ער האָט אפילו נישט אַ קוק געטון אין מיין זייט; איך האָב אַ צווייט מאָל אַ הוסט געטון. ער האָט אַ קוק-געטון, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט מיך נישט געזען; און דערויף טאַקע איז אַריין דער האַנדלאַרזש און אָנגעהויבן דינגען די שאַנק.

איבערשטעלנדיק זיך פון איין פוס אויפן אַנדערן, האָב איך געוואַרט נאָך אַ ווילע, נאָר איך האָב מיך זער געאיילט, ווייל דאָס וואַסער אַרום דער פּלומפּ איז פאַרפרוירן געוואָרן און פּעלעק איז אַוועקגעלאָפן גליטשן זיך; האָב איך דערפאַר מיך איינגעשטעלט און אַ דריט מאָל אַהוסט געטון. ערשט דער טאַטע גיט זיך עס נישט אַ דריי-אויס און טוט אַ זעץ מיט דער פויסט איבערן טיש! איך בין אין איין אָטעם אַרויסגעשפּרונגען אין הויז אַריין, שיער נישט פאַלנדיק איבער דער שוועל. דער האַנדלאַזש איז אויך אָן שיהות אַרויסגעגאַנגען. און דעם יידל פון אַקייגנאיבער אָנגעהויבן רופן מיטן פינגער. דערווייל האָט מיך דער טאַטע אַ רוף-געטון און כאָטש די הענט האָבן אים נאָך עפּעס געציטערט, האָט

ער אָפּגעציילט זעכצן גראָשן און געהייסן מיך לויפֿן נאָך קוילן.

אַז איך בין צוריקגעקומען, האָבן דער האַנדלאַרזש און דער ייִד פֿון אַקייגנאיבער אַרויסגעטראָגן די שאַנק. דער טאַטע האָט פֿאַרשטעלט אין דער טיר, כּדי עס זאָל קיין סך קעלט נישט אָנלויפֿן, די מאַמע האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ צו דער וואַנט און האָט שטיל געקרעכצט.

דאָס אַוועקנעמען די שאַנק פֿון ווינקל, וואו זי איז געשטאַנען האָט אונז, אויף וויפֿיל עס געדענקט זיך מיר, ענטדעקט אַ סך נייע זאַכן; מיר האָבן דערפֿאַר אַנידערגעקניט אינמיטן דעם מיסט, וואָס איז דאָרט געווען אָנגעזאַמעלט און סהאָט זיך אָנגעהויבן אַ זוכעניש. פֿעלעק האָט געפֿונען אַ בלעכענעם קנאָפּ, וואָס ער האָט זיך באַלד אָנגעניט אויפֿן אַרבל, און איך האָב מיט אַ שטעקן אַרויסגעשאַרט פֿון דער שפּאַרע אַ גרויסע פֿאַרזשאַווערטע נאָדל און אויך אַ „משה רבינוס-פערדל“ מיט אונטערגעדרייטע פֿיסלעך און אַ צושפּאָלטן פֿליגעלע. מיר האָבן באַלד אָנגעהויבן צובלאָזן דערויף, נאָר עס איז געווען טויט.

נאָך יעדע פֿון די דאָזיקע ענטדעקונגען, פֿלעגן מיר פֿריילעך אויסשרייען. און דער טאַטע האָט אונז נישט געקאָנט צוטרייבן צו דער קאַשע, וואָס ער האָט אונז אָפּגעקאָכט אויף מיטאָג, און וואָס בלויז די מאַמע האָט נישט געוואָלט עסן. ענדליך האָבן מיר אַלץ אַדורכגענישטערט און איבערצייגנדיק זיך, אַז קיין שום אוצרות איז שוין מער נישטאָ אין ווינקל, האָבן מיר אַרויסגעקערט דאָס איבערגעבליבענע מיסט אין פּאָדער-הייזל.

ערשט איצט האָב איך דערזען, אַז אויפֿן אָרט, וואו סאיז געשטאַנען די שאַנק, איז אַ שטיק וואַנט געווען ווייסער ווי די רעשט שטוב; איך האָב דאָס אָנגעמערקט פֿעלעקן, און אַזוי ווי די מאַמע האָט אויך געקוקט אין יענעם ווינקל אַריין מיט אַ טרויעריקן בליק, איז דערפֿאַר דער טאַטע אויפֿגעשטאַנען פֿון דער קאַשע אַוועק, האָט אויסגעזוכט אין קעסטל צוויי טשוועקעס און אַריינקלאַפּנדיק אין דעמדאָזיקן העלערן שטיק וואַנט, האָט ער אויפֿגעהאָנגען אויף זיי דער מאַמעס ברוינע יום-טובדיקע קלייד און דאָס צווייטע, דאָס בלויע טעגליכע, האָט מיט אַ טוך זיי פֿיין

איבערגעדעקט און אָפּגעצויגן בײַ די זײַטן. עס האָט זער פֿעט אויסגעזען, און פֿעלעק מיט פּיאָטרושן האָבן זיך באַלד דאָרט גע־נומען שפּילן אין באַהעלטעניש.

דער מאַמען איז צו יענער צײַט עפּעס ערגער געוואָרן; דער דאָקטאָר האָט איר געהייסן געבן גוטע יויך און פֿרישע פֿלייש און כאָטש זי האָט געוויינט אויף דעם היזק און אויף וויפֿל זי האָט נאָר געקאָנט, האָט זי דעם טאַטן דאָס פֿאַרוועריט, בין איך דאָך אַ וואָך צײַט יעדן טאָג געלאָפֿן צום קצב, קויפֿנדיק טײלמאָל אַפֿילו אַ גאַנץ האַלב פֿונט.

און דער האַנדלאַזש האָט זיך שוין אַזוי צוגעוואוינט צו אונז, אַז סײַ סהאָט אים ווער גערופֿן, סײַ נישט גערופֿן, האָט ער יעדן טאָג כאָטש דורך דער טיר אַרײַנגעקוקט. אַפֿילו הולטײַ, דעם סטרוזשס הונט האָט שוין נישט געבילט אויף אים. נאָך דער שאַנק האָט דער האַנדלאַזש געקויפֿט בײַ אונז פֿיר שטולן, געבייצטע אויף ניס־קאָליר, אויף וועלכע מיר פֿלעגן זיצן בײַם מיטאָג. בײַ דידאָזיקע שטולן האָבן מיר שוין איינמאָל געהאַט אַ תּענוג, ווײַל דער האַנדלאַזש האָט אַליין נישט געקאָנט מער נעמען ווי צוויי, און די אַנדערע צוויי האָבן מיר אים צוגעטראָגן אַזש אויף די אָרדינאַצקעס.

זענען מיר געגאַנגען ברייט אין דער סאַמע מיטן גאַס מיט די שטולן אויף די קעפּ און פֿעלעק האָט אַזוי געליאַרמט: „אַוועק! אויף אַ זײַט!" אַז דראָשקעס זענען אַזש שטיין געבליבן. דעם האַנדלאַזש האָבן מיר געלאָזט העט־ווײַט הינטער זיך, כאָטש דאָס יידל איז אונז נאָכגעלאָפֿן שרײַענדיק, אַז מיר זענען גזלנים, שוואַרציאָרן און נאָך דאָרט אַזעלכע אײַנפֿאַלן. און דאָרט אויף די אָרדי־נאַצקעס האָבן מיר ערשט גענומען פּויקן אין די בענקלעך. עס זענען זיך אָנגעלאָפֿן מענטשן, מיינענדיק: קונצנמאַכערס; ביז דער האַנד־לאַזש איז צו אונז צוגעפֿאַלן און כאַפּנדיק זיך פֿאַר דער באָרד אויף דעמדאָזיקן אָנגעלויף אַרום די בענקלעך, האָט ער אונז גע־געבן אַ דרײַער, אַז מיר זאָלן שוין אַוועקגיין.

אָט דער מאַרש אויף די אָרדינאַצקעס, האָט אונז אַזוי גע־שמעקט, אַז מיר האָבן זיך נאָר געפֿרעגט, וואָס מדאַרף אַרויסטראָגן.

דער עיקר האָט פּעלעק געהאַט יעדעס מאָל פרישע איינפאַלן. ווי נאָר ער איז אַהיימגעקומען פון דער אָכראַנקע, האָט ער באַלד די הענט פאַרלייגט אויף הינטן, איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב און געקוקט אין די ווינקלען, אַזוי ווי אַ שאַצער.

— און אפשר וואָלט מען, טאַטע, דעם אייזערנעם טאָפּ? צי אפשר די באַליע, אָדער דעם זייגער?

— אַוועק! — האָט אויף אים אַ ברום-געטון דער טאַטע, וואָס איז איצט כמעט שטענדיק געווען עפּעס בייז און טרויעריק.

— פּעלעק! וואָס רעדסטו?—האָט זיך אָנגערופן מיט אַ שוואַך קול די מאַמע,—דו וואָלסט שוין באַלד די נשמה פון גוף אויך פאַרקויפט?

איך און פּיאָטרוש האָבן אויך אָנגעהויבן שטאַרק פּראָטעס-טירן.

— ווי!.. דעם טאָפּ!.. וואָס נאָך!.. און אין וואָס וועלן מיר קאָכן קאַשע, אָדער אַפילו קאַרטאָפל?

— צי דעם זייגער! — האָט פּיאָטרוש צוגעגעבן מיט אויפ-געבראַכטקייט. — און ווי אַזוי וועסטו וויסן אָן אַ זייגער, ווען סווילט זיך דיר עסן, אָדער שלאָפן?..

— אוי-וויי! — האָט פּעלעק אויסגערופן מיט אַ מינע פון אַ גאַנצן חכם—סזאָל אַזוי זיין אַ דאַגה וועגן וואָס, ווי וועגן דעם... און דו, צי דער זייגער גייט, צי ער שטייט, וואָלסטו שטענדיק גאָר געגעסן.

— און דו לויפסט דער קרעמערקע נאָך זעמל, כדי זי זאָל דיר געבן אַ „קאַדרילע" *).

— איך לויף נישט! — האָט פּעלעק געענטפערט רויט ווערנדיק.

— דו לויפסט!

— איך לויף נישט.

— טאַקי יאָ, דו לויפסט! כהאָב אַליין געזען, ווי דו האָסט געגעכן אַ „קאַדרילע".

— איך אַ „קאַדרילע"? ווי כהאָב אַ גאָט אין הימל, אַז כהאָב נישט געגעסן!..

*) אַ מין בילינער וואורשט.

דאָ האָט ער זיך אַ קלאַפּ-געטון מיט דער פויסט איבער דער ברוסט, אַזש סהאָט געהילכט.

— נו, טאַ בלאָז-זשע אַרויס!

האָט זיך פעלעק צוזעקגעשטעלט און גענומען אַרויסבלאָזן, אַזש אַ פּאַרע איז געגאַנגען. פון דערדאָזיקע, פּראָבע איז ער אַרויס מיט טריאומף. קיין שום זאַך האָט נישט אויסגעגעבן דאָס פאַרצערן אַ „קאַדרילע", און פון דער טיפעניש פון איינגעפאַלענעם בויך, האָט זיך אַרויסגעהויבן אַ גרויסע לערקייט.

פעלעק האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן און אין אַ געוויסן טאָג, אַרומגייענדיק איבער דער שטוב און קוקנדיק איבער די ווענט, האָט ער פּלוצלינג אויסגעשריגן:

— און דעם ראָנדעל, טאַטע! און דעם מאַרזשער און דאָס פּרעס-אייזן!..

מיר זענען פאַרשטאַרט געוואָרן דאָס הערנדיק. דער ראָנדעל, דער מאַרזשער און דאָס פּרעס-אייזן — דאָס איז געווען כמעט אונזער שטוב-אוצר. אויסגעשטעלט אויף דער פּולקע גלייך אַקעגן דער טיר, האָבן זיי בלענדענדיק, כמעט גאָלדיק געלויכטן. דאָס מיטלסטע אָרט האָט פאַרנומען דער ראָנדעל. אויף וויפיל סגעדענקט זיך מיר, האָב איך קיינמאָל נישט געזען, אַז סזאָל זיך עפּעס קאָכן אין דעם ראָנדל. דאָס וואָלט פּשוט געווען אַ פאַרשווערונג. דאָך האָט אים די מאַמע יעדן שבת גערייניקט מיט ציגל אָדער אַש, און אַזוי איז ער געשטאַנען אַ שיינענדיקער מיט דעם אויער אויף דער שטוב אַרויס, בלענדנדיק אין די אויגן, ווען מאיז אין שטוב אַריינגעגאַנגען. נעבן אים איז געשטאַנען אין איין זייט דער מאַרזשער מיטן שטייסל און אין דער אַנדערער זייט — דאָס פּרעס-אייזן. דער מאַרזשער איז געווען אין איין עלטער מיט מיר. דער טאַטע האָט אים געקויפט, ווען איך בין געבאָרן געוואָרן, כדי צו דערפרייען דער מאַמען און אויסצודריקן איר אַ דאַנק פאַרן געבוירענעם זון.

האָב איך טאַקי קיין שום יינגל אין מיין עלטער פון אויפן הויף, באַ, אויף דער גאַנצער גאַס, נישט אַזוי געשעצט, ווי איך האָב געשעצט דעם מאַרזשער. די מאַמע האָט אים אַרונטערגענומען נאָר איינ-

מאָל אין יאָר, אינם „גרויסן פֿרייטאָג", כּדי צו צושטויסן אין אים צימערינג צום פּסחדיקן פֿלעצל. דעמאָלס האָט זיך שטענדיק איבערגעחזרט דידאָזיקע געשיכטע, אין וועלכער איך און דער מאַרזשער זעמיר געווען די העלדן. מיר האָבן אייגנטליך זיך נאָר אונטערשיידט דערמיט, וואָס מיך האָט אַ באָטשאַן געבראַכט אומזיסט, און פֿאַרן מאַרזשער האָט מען געדאַרפֿט צו באַצאָלן. עס איז דעריבער גאָר קיין וואונדער נישט, אַז דאָס באַשטיין פֿון דעמדאָזיקן מאַרזשער, האָב איך באַטראַכט פֿאַר וויכטיקער פֿון מיר אַליין, בעזונדערס, ווען איך האָב אַ קוק געטון אויף זיין בכּבודיק אויסזען, וואָס ער האָט שטענדיק געהאַט, אין דער צייט, ווען מיט מיר איז פֿאָרגעקומען פֿאַרשידנס אַז אין יענער צייט, אַז שפּעטער...

דאָס פּרעס-אייזן האָט אויך זער זעלטן אַראָפּגענידערט פֿון די הויכקייטן פֿון דער פּולקע אויף דער פֿלאַך פֿון אונזער אַלטעגלעך לעבן. די מאַמע האָט דערמיט בלויז געפּרעסט דעם טאַטנס פֿאַר-העמדלעך אויף זונטאג און אירע טיולענע הויבן; די איבעריקע וועש איז געגאַנגען אונטערן מאַנגל. איינמאָל אַפֿילו האָט זיך די מאַמע וועגן דעם פּרעס-אייזן צוקריגט מיט דער סטרוזשקע, וואָס האָט עס פֿון אונז געוואָלט באָרגן.

— מיין ליבע! — האָט די מאַמע צו איר געזאָגט מיט זער אַן ענטשלאָסנעם טאָן — אַזאַ שטייגער זאַך איז נישט אויף צו באָרגן, נישט אויף צוטריען פֿרעמדע הענט!.. דאָס קאָסט!.. דאָס איז אַ זאַך — איינמאָל אויפֿן גאַנצן לעבן!..

מיר האָבן אַלע נאָך געדענקט, ווי די סטרוזשקע האָט דערויף אַ טראַסק-געטון מיט דער טיר, ווי זי האָט זיך אין הויז צעלאָזט מיטן מויל און ווי דער מאַמען האָבן זיך די הענט געטרייסלט פֿאַר כּעס און אויפֿגעבראַכטקייט, ווען זי האָט אונז שפּעטער אַ ווײַלע אָפּגעשניטן ברויט אויף אָנבייסן. פֿון יענער מינוט אָן טאַקע איז דאָס פּרעס-אייזן אָן אַ שיעור געשטיגן אין מיינע אויגן. איך האָב עס אַפֿילו אין געדאַנק צוגערעכנט צו דידאָזיקע זאַכן, וואָס זענען איינמאָל אויפֿן גאַנצן לעבן, אַזוי ווי, למשל די טויפֿונג און דער גראַנאַטענער פֿלאַשטש, אויף וועלכן דער

טאַטע האָט אויך געזאָגט, אַז ער איז איינמאָל אויפֿן גאַנצן לעבן. און איצט האָט פֿעלעק, זעט איר, גערעדט וועגן פּרעס־אייזן, ווי סוואָלט זיך געהאַנדעלט וועגן אַ קאָך־לעפֿל, אָדער אַן אַלטן בעזים.

איך האָב אַ קוק־געטון אויפֿן טאַטן: כּבֿין געזען זיכער, אַז ער וועט פֿעלעקן די אויערן אויסרייסן. נאָר דער טאַטע האָט איינגערגאָבן די אויגן אין דרערד און געצופּט די וואָנסעס. נאָך גוט, וואָס די מאַמע איז אין דער מינוט געשלאָפֿן.

יענעם טאָג בין איך נישט געלאָפֿן נאָך קיין פֿלייש פֿאַר דער מאַמען. דער טאַטע האָט מיר נאָר געגעבן אַ דרייער אויף צוקויפֿן ביינער און האָט פֿון זיי אַ קרופּניק אָפּגעקאָכט.

צומאָרגנס איז ער אַהיימגעקומען אַן אַדורכגעקעלטעטער און רייבנדיק די פֿאַרשטאַרטע הענט, האָט ער אויף דער שוועל שוין אויסגערופֿן:

— פֿריי זיך, אַנולקאַ! די ווייסל וועט, אַקאָרשט ווי מזעט, לאָזן, ווייל דער ווינט האָט זיך אָפּגעקערט אויף מערבֿ.

נאָר די מאַמע, אַ קוק־טוענדיק אויפֿן טאַטן, האָט אַ פּאַטש־געטון מיט די הענט און זיך אַזש אַ זעץ־אויף געטון אויפֿן געלעגער.

— פֿיליפּ! — האָט זי אויסגעשריגן — און דער פּעלץ?

ערשט איצט האָב איך דערזען, אַז דער טאַטע איז אַהיימ־געקומען אָן דעם פּעלץ.

איך האָב אָבער נישט געהאַט קיין צייט זיך מער אַרומצו־קוקן, ווייל דער טאַטע האָט אַ כאַפּ־געטון פּיאָטרושן פֿאַר די הענט און געמאַכט מיט אים אַ קנזשעליק אין דער לופֿט, דערנאָך האָט ער זיך הויך צולאַכט, האָט אָפּגעלאָזט פּיאָטרושן און אַוועק־זעצנדיק זיך אויף דער מאַמעס בעט, האָט ער געלאַכט, אַזש טרערן האָבן זיך אים אַריבערגעגאָסן איבערן פֿאַרחושכטן פּנים. ער האָט זיי געשווינד אָפּגעווישט מיטן אַרבל פֿון דעם אַלטן וואַטע־לייבל.

— נו, וואָס, אַנולקאַ? ווי פֿילסטו זיך?... — האָט ער געפֿרעגט.

נאָר די מאַמע, צוריקפֿאַלנדיק אויפֿן קישן איז געלעגן ווי אַ טויטע.

—פֿיליפּ!—האָט זי ענדלעך אַרויסגעשעפּטשעט מיט פֿאָרוואורף—װאָס האָסטו געטון?!... דעם פּעלץ פֿאַרקויפֿט?!...

—דעם פּעלץ! דעם פּעלץ!— האָט איבערגעחזרט דער טאַטע—נו, און וואָס איז דער פּעלץ... אַ גרויסע מעשה דער פּעלץ! איך האָב אים געגנוג אָנגעשלעפּט דורך אַזויפֿיל צייט. און שווער איז ער, די הינטישע לאַפּע, אַזוי ווי דאָס נאמנות פֿון אַ מילנער... סוועטר איזש לײַכטער, אַז מען וואַרפֿט אים פֿון זיך אַראָפּ.

און ווען די מאַמע האָט שטיל געקרעכצט, האָט ער איר מיט דער האַנט געגלעט איבער די האָר און צוגעגעבן:

— און אויך דו, אַנולקאַ, ביסט אַזאַ קרומע, אַז אַ ליאַדע וואָס קרעכצסטו... גיי ווען אַ פּעלץ, און נישטאָ — אַ שרעקלעכע געשיכטע! וואָס איז אַזוינס? דער פּעלץ וועט מיר געבן צו עסן, אָדער דירה-געלט פֿאַר מיר צאָלן, צי וואָס? דער פֿרילינג איז הינטערן גאַרטל, נאָך צוקוקן ווי דער טײַך וועט לאָזן, און איך וועל מיך ערשט מיט פּעלצן פֿאַרזאָרגן... און דערצו וועט מיר שפּעטער אַבּיסל אויך אין וואַטע-לײַבל זײַן צו הייס, אַז די אַרבייט וועט זיך אָנהייבן...

יענעם טאָג איז ווידער בײַ אונז געווען דער דאָקטאָר און ווידער בין איך געלאָפֿן אין דער אַפּטייק אַרײַן.

— דאָ איז עפּעס קאַלט — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, אַרויסגייענדיק — און ספּילט זיך אַ פֿײַכטקייט. מוואָלט געדאַרפֿט בעסער הייצן... —

און ער האָט זיך אָפּגעטרייסלט, אַרומהילנדיק זיך מיטן קורצן פֿוטערל. דער טאַטע האָט דאָס אויסגעהערט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. דעם גאַנצן טאָג איז דאַן דער טאַטע געווען זער פֿריילעך; אָבער גלײַכצײַטיק האָט אים געמוזט עפּעס זײַן, ווייל אַז די מאַמע האָט נאָר נישט געקוקט אויף אים, האָט ער זיך גלײַך געענדערט אויפֿן פּנים, האָט אַראָפּגעהאָנגען דעם קאָפּ, און די אויגן זענען אים פֿון גרויע — שוואַרצע געוואָרן, מיט אַזאַ טרויער זענען זיי פֿול געווען.

אַקייגן אָוונט האָבן מיר געקויפֿט אַ גאַנצן האַלבן פּוד קוילן

אין געוועלבל און סאיז געווען אַזאַ פייער אין אויוון, אַז סהאָט געקנאַקט. דער טאַטע האָט צוגערוקט די באַנק צו אונזער שעניק און האָט זיך אַוועקגעזעצט. די מאַמע האָט זיך אויך אויסגעדרייט, כדי צו־קוקן אויפן פייער און מיר האָבן זיך אַלע אַזוי אויסגעוואַרימט — אַ מחיה!

עס איז פאַרביי ווידער אַ צוויי וואָכן. דער טאַטע האָט געהאַט עפּעס צו פאַרדינען; און דאָ איז אויך אין שטוב געווען אַ סך אַרבעט, דאָ וואַש אויס די שמאַטעס, דאָ קאָך־אָפּ דאָס עסן, כאָטש נישט שטענדיק האָט מען געקאָכט, דאָך איז נישט דאָס, איז עפּעס אַנדערש, און פון אונז איז העכסטנס נאָר עפּעס אַ גאַנג... דער מאַמען איז עפּעס אויך געווען נישט בעסער, נישט ערגער; זי איז נאָר שרעקלעך אָפּגעדאַרט געוואָרן און דאָס פּנים אויסגעבלייכט, אַזוי ווי אַ טוך; אַ שווערער הוסט פלעגט איר אַלץ אָפּטער אָנכאַפּן, בעזונדערס באַגינען־צייט.

פון צייט צו צייט פלעגן די שכנות אַ קוק־אַריין טון צו אונז, חידושנדיק זיך, ווי אָפּגעמאָגערט די מאַמע איז געוואָרן.

— וואָלט שוין גאָט געמאַכט אַהין אָדער אַהער! — האָט דעם טשוועקעמאַכערס ווייב אַמאָל אַ זאָג־געטון צום טאַטן.

— טפוי! — האָט דער טאַטע אויסגעשפּיגן. — וואָס רעדט איר עס דאָרט פאַר אַ זאַכן? וואָס איז? עס איז מיר שוין נמאס געוואָרן, צי וואָס? צי האָבן מיר עס זיך נאָר צוגעשוואוירן אויף געזונטע צייטן, און אויף די דאָזיקע קראַנקע נישט? צי האָט זי ביי וועמען אַנדערש, נישט ביי מיר, נישט ביי מיינע קינדער סגעזונט פאַרלוירן?...

און דערמיט האָט זיך עס געענדיקט.

און דער פראָסט האָט געהאַלטן. כאָטש דער ווינט האָט זיך געהאַט אָפּגעקערט אויף מערב, איז אַזאַ קעלט געווען אין שטוב, אַז סאיז אַוש אַ פאַרע געגאַנגען. און אַז סהאָט פאַרנאַכט אַביסל געלאָזט, איז ווידער געוואָרן אַזאַ שניי־זאַוויערוכע, אַז מהאָט די וועלט נישט אָנגעזען. פּיאָטרוש איז שוין אַפילו אין דער אָכראָנקע אַריין נישט געגאַנגען, נאָר איז געזעסן הינטערן אויוון, אָדער צופוסנס אין דער מאַמעס בעט, אַזאַ איידעלער פאַרשוין! און איך און פעלעק האָבן געמאַכט קוילן פון שניי און

געוואָרפן זיך, כּדי אַזוי אַרום זיך צו דערוואַרמען.

איין טאָג האָט מען עפּעס נישט געהייצט דעם אויוון. דער טאַטע האָט צוגעדעקט דער מאַמען מיט דער דערע, און מיך האָט ער אַריינגעשיקט צו דער שכנטע נאָך אַ שטיקל צוקער צו די קרייטעכצער. נאָר די שכנטע האָט נישט געהאַט. דער טאַטע האָט דאַן געעפנט דעם קאַסטן: אפשר וועט ער דאָרט ערגעץ געפונען באַטש עטלעכע ברעקלעך, ווייל די מאַמע האָט אַזוי געהוסט, אַז סהאָט זיך איר אַזש אין דער ברוסט עפּעס מיטגעריסן. באַלד האָבן מיר אַלע דריי אַרומגערינגלט דעם טאַטן, ווייל אין קאַסטן פלעגן זיין פאַרשידענע זאַכן, אַזעלכע, וואָס מיר האָבן זעלטן-ווען געזען. עס איז דאָרט געלעגן אין אַ פּורעלע דעם טאַטנס ראַזיר-מעסער, אין א צווייטס—די מאַמעס קרעלן, עס איז אויך געלעגן אַ שוואַרץ זיידן טיכל, וואָס דער טאַטע האָט געטראָגן אויפן האַלז נאָר אין אַ גרויסן יום-טובֿ; עס האָט זיך געפונען דאָרט דער מאַמעס פעלץ מיט די רויטע פּאָדשעווקע, אַ געל געבלימט טישטוך, אַ קאַפּע פון אַ גרינעם פּערסישן שטאָף.

נאָר דאָסמאָל האָבן מיר זיך איינגאַנצן ענטוישט: דער קאַסטן איז געווען ליידיק. אין אַ ווינקל נאָר, פאַרבינדן אין אַ רויט טיכל, איז געלעגן דעם טאַטנס האַרמאָנקע פון בחורווייז. דער טאַטע האָט זי אַ שטויס געטון איינמאָל און נאָכאַמאָל, זוכנדיק ברעקלעך צוקער, עפּעס ווי ער וואָלט מורא געהאַט זי אויפצוהייבן און אָפּצוריקן פון ווינקל. זי האָט יעדעס מאָל אַ קלונג געטון און שטיל געוואָרן. נאָר פעלעק האָט שוין אַריינגעריקט די האַנט אין קאַסטן.

— און די האַרמאָנקע, טאַטע! — האָט ער אַ געשריי געטון, אויפהייבנדיק דאָס רויטע פּעקעלע — צי וואָלט מען נישט געקאָנט די האַרמאָנקע?...

— פעלעק!... — האָט די מאַמע אויסגעשריגן מיט אַ שוואַך קול פון בעט אַרויס.

דער טאַטע איז רויט געוואָרן. האָט צוגענומען פון פעלעקן דאָס טיכל מיט דער האַרמאָנקע, אַריינגעלייגט אין קאַסטן און פאַרשלאָסן אים.

יענעם טאָג האָבן מיר קיין אָנבייסן נישט געגעסן; און קיין מיטאָג איז אויך נישט געווען. כהאָב געמיינט, אַז דער טאַטע וועט מיך כאָטש שיקן נאָך ברויט, אָבער וואו! פיאָטרושן בלויז איז אָנגעקומען דאָס נעכטיקע רעפטיל ברויט. איך און פעלעק זעמיר אַרויס אין הויז אַריין זיך שפּילן אין „קלאַס" ווייל אונז איז געווען שטאַרק לאַנגווייליק. עס איז שוין געווען אפשר צוויי אַ זייגער, אָדער אפשר דריי, אַז די מאַמע האָט מיך צוגערופן צום בעט און געזאָגט מיט אַ מיד, געבראָכן קול:

— לויף נאָר אַריבער, וויצוש. צו דער מאַנגלאַרקע אויף דער שצילגע — ווייסט?..

— אוי-וויי... וואָס כהאָב דאָ נישט צו-וויסן... נומער דריי...

— נומער דריי — האָט די מאַמע איבערגעהורט — דאָס איז אַן אָרנטליכע פרוי, זי וועט אפשר קויפן דאָס פרעס-אייזן...

— דאָס פרעס-אייזן?.. — האָב איך איבערגעפרעגט, מיינענדיק, אַז כהאָב נישט גוט דערהערט.

— גאָר זי זאָל ערשט קומען פאַרנאַכט, אַז די סטרוזשקע זאָל זי אויפן הויף נישט זען... נו, גיי...

כהאָב געכאַפּט דאָס היטל, ערשט זי האָט מיך אַ רוף-געטון אַ צווייט מאָל:

— וויצוש!..

נאָר אַז איך בין צוגעגאַנגען, האָט זי אַ קוק געטון אויף מיר און געזאָגט:

— שוין גאָרנישט, גאָרנישט! גיי...

איך בין שוין געווען אין דער טיר, אַז זי האָט מיך נאָכאַמאָל צוריקגערופן.

זי איז געלעגן אויפן בעט האַלב-אויפגעזעצט, אירע איינגעפאַלענע אויגן זענען געווען ברייט געעפנט.

— און דעם מאַרזשער...—האָט זי געשעפטשעט אַזוי שטיל, אַז כהאָב קוים געהערט.

איך בין פאַרשטיינערט געוואָרן. כהאָב געהאַט דעם איינדרוק, עפּעס ווי מען וואָלט מיך אַליין געגאַנגען פאַרקויפן.

— דעם מאַרזשער?—האָב איך זער שטיל איבערגעפרעגט,

אָנבּייגנדיק זיך צו דער מאַמעס פּנים.

זי האָט געאָטעמט שווער, נישט רעגלמעסיק, אין די בּרוסט האָט איר עפּעס שאַרף געפּייפט. זי האָט גאָרנישט געענטפערט, מיך נאָר צוגעהאַלטן בּיי דער האַנט. איר האַנט איז געווען קאַלט און פייכט. צוויי צי דריי מאָל האָט זי געעפנט דאָס מויל, נישט אַרויסבּרענגענדיק קיין שום קלאַנג, איר געל געוואָרענע, שטערן האָט זיך בּאַדעקט מיט אַ שווייס.

זי האָט אַריינגעצויגן אין זיך לופט מיט אַ טיף אָפּטעמען, ענליך צו אַ זיפץ.

— און דעם ראָנדעל!.. האָט זי אַרויסגעשעפּטשעט מיט אָנשטרענגונג.

— דעם ראָנדעל?... — האָבּ איך איבּערגעפרעגט, אויך מיט אַזאַ שטיל קול.

זי האָט בּלויז אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט, דער קאָפּ איז איר אַרונטערגעפאַלן אויפן קישן, די אויגן האָבּן זיך איר האַלבּ־צוגעמאַכט.

איך בּין אַרויסגעלאָפן, ווי אַן אָפּגעבּריטער, מיטן היטל אין דער האַנט. אין הויז האָבּ איך געטראָפן פעלעקן.

— הער, דו — האָבּ איך אים אַ געשריי געטון אין אויער אַריין — דעם ראָנדעל און דעם מאַרזשער און דאָס פרעס־אייזן, אַלץ פאַרקויפט מען!

— בּרענט עס! — האָט זיך פעלעק צולאַכט, און האָט אַ שפּרונג געטון אין דערהייך פאַר פרייד און אַ זעץ זיך מיט די הענט איבּער די זייטן. דערדאָזיקער שפּרונג איז געווען דאָס מייסטער־שטיק אין זיין גאַנצן רעפּערטואַר. איך האָבּ אים דאָס קיינמאָל נישט געקאָנט נאָכמאַכן. ער האָט זיך געוואָרפן אין דער לופט אַזוי לייכט, ווי אַ פיש אין וואַסער. בּאַלד זענען מיר אַלע בּיידע אַוועקגעלאָפן אויף שציגלע, ווייל פעלעק איז געווען גרויס בּיי זיך און האָט מיך קיינמאָל נישט געלאָזט אויף אַ האָר פאַר אים.

נאָר די מאַגליאַרקע האָט נישט געוואָלט קיין סך מיט מיר רעדן. זי האָט געזאָגט, אַז קיין ראָנדעל דאַרף זי נישט און אַ

מאַרזשער און אַ פּרעס-אײַזן, האָט זי אײגענע. מיר זענען אַרױסגעגאַנגען אױפגערעגטע.

— אַ מאוסע באָבע! — האָט פּעלעק אױסגעשריגן—קײן ראָנדעל דאַרף זי נישט! אַזאַ ראָנדעל, אַפילו װי אונזערער דאַרף זי נישט.

מיט בלישטשענדיקע אױגן האָט די מאַמע אונז אָפּגעװאַרט; און אַז איך האָב איר געזאָגט דער מאַגליאַרקעס ענטפער, האָט זי אָפּגעזיפצט, װי דערפילנדיק עפּעס אַ גרױסע דערלײכטערונג.

דאָך פאַרנאַכט האָט זי מיך װידער צוגערופן און געהײסן לױפן נאָך אַ האַנדלאַרזש. זענען מיר אַלע בײדע, איך און פּעלעק אַרױסגעלאָפן, גליקליכע, װאָס דאָסדאָזיקע עסק ענדיקט זיך נאָך נישט. דער האַנדלאַזש איז געקומען, האָט באַקוקט דאָס פּרעס-אײַזן, האָט באַקוקט דעם מאַרזשער, האָט באַקוקט דעם ראָנדל און פאַרקרומענדיק זיך, האָט ער געזאָגט, אַז דאָס אַלץ טױג נישט מער װי אױף שמעלץ. דאָס פּרעס-אײַזן איז איבערגעברענט, דער מאַרזשער איז קלײן, דער ראָנדעל איז אַ דינער און פאַרלײַט אין דער זײַט... פאַר די דאָזיקע דרײַ שטיק צוזאַמען האָט ער געגעבן צען גילדן.

די מאַמע האָט זיך אַריס-אױף געטון און אַװעקגעזעצט זיך אױפן בעט.

— װאָס?... צען גילדן?... דער מאַרזשער אַלײן האָט געקאָסט פינף גילדן מיט דרײַצען גראָשן! און דאָס פּרעס-אײַזן!.. און דער ראָנדעל!

— נו, אױף שמעלץ... — האָט אָנגעהױבן דער האַנדלאַזש.

נאָר זי האָט אים נישט געלאָזט װײַטער רעדן, און מיט אַ טרײסלענדיקע האַנט אים געװיזן צו דער טיר.

— גײט!.. גײט!.. זאָלן אײַך מײַנע אױגן נישט אָנקוקן!.. איר זענט נישט אײנער אױף דער װעלט—

און זי האָט אונז גלײַך געשיקט נאָך אַ צװײטן האַנדלאַזש. נאָך דעם רױטען, װאָס האָט בײַ אונז דעם לעצטן טיש געקױפט.

מיר האָבן זער ליב געהאַט דאָס דאָזיקע ייִדל, װײַל ער האָט דערצײלט פאַרשידענע המצאות בײַם קױפן יענעם טיש, און

פֿאַר אָפּטראָגן אים אויף דער צווייטער גאָס, האָט ער מיר און פֿעלעקן געגעבן צו ביס.

אמת, פֿעלעקס נוס איז געווען אַ געלעכערטע, אָבער ער האָט אַ גאַנצן טאָג אויף איר געפּייפֿט, אַזוי ווי עס גייט אָפּ אַ באַן־זעמיר טאַקי אַוועקגעלאָפֿן נאָך דעם רויטן. ער איז געשטאַנען אין ראָג פֿאַרן געוועלבל און געפּלאַפּלט מיט דעם ערשטן, וואָס איז פֿון אונז אַרויסגעגאַנגען. דאָך האָט ער באַלד פֿאַריכט דעם זאַק מיט די פֿלעשער אויף די פּלייצעס און זיך געלאָזט גיין נאָך אונז.

נאָר באַקוקענדיק דעם מאַרזשער, דעם ראָנדעל און דאָס פּרעס־אייזן, האָט ער נישט געוואָלט מער געבן פֿאַר זיי נאָר ביין גילדן מיט זעכצן גראָשן; געזאָגט האָט ער, אַז דער מאַרזשער וועט אויך אויף קיין שמעלץ נישט טויגן. דער מאַמען האָט עס אַזש געוואָרפֿן ווי אין אַ פֿיבער, און כאָטש זי האָט זיך כּמעט נישט געקאָנט רירן אויפֿן בעט, האָט זי דאָך אַרויסגעריסן דעם רויטן דעם ראָנדעל פֿון דער האַנט און האָט אים אַראָפּגעלאָזט אויף דרערד. ער האָט אַ קרעכץ־געטון, אַזוי ווי אַ צוקלאַפּטער גלאָק.

עפּעס אַ מאָדנעם איינדריק האָב איך דערפֿילט, דערהערנדיק דעמדאָזיקן קרעכץ. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ס'האָבן אַ קרעכץ געטון די ווינקלען פֿון אונזער שטוב.

די מאַמע האָט זיך פֿאַרשטעלט די אויגן און אָנגעהויבן וויינען.

איידער ס'איז געוואָרן נאַכט, זענען ביי אונז נאָך געווען אַ פֿינף האַנדלאַזשעס. נאָר יעדער איינער האָט אַלץ ווייניקער געגעבן; כאָטש מיט צוויי, מיט דריי גראָשן, נאָר ווייניקער. זיי האָבן געפּלאַפּלט, האָבן זיך געקריגט, האָבן זיך געריסן פֿון די הענט אונזער מאַרזשער און אונזער פּרעס־אייזן. עס איז געווען אַ גרעסערער טומל, ווי אויף פּאַציעיאָוו.

פֿעלעק האָט מיך כּסדר געקניפּן פֿון גרויס תּענוג דערפֿון.

— איז דאָס אַ „העצע"! — האָט ער אויסגערופֿן, שטיקנדיק זיך פֿאַר געלעכטער, און כּדי זיך אינווייניק לייכטער צומאַכן, האָט ער אַ מאַך־געטון אַ גרויסאַרטיקן קאָזשעליק

די האַנדלאַזשעס האָבן זיך ענדלעך אַרויסגעטראָגן, אָנמאַכנדיק אין שטוב אַ שלעכטן ריח; דער ראָנדעל, דאָס פּרעס־אייזן

און דער מאַרזשער זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אויף דער באַנק נעבן דער מאַמען. זי האָט געקוקט אויף מיר מיט אַ טרויעריקן, מידן, כמעט פֿאַרשטיינערטן בליק. נאָר ווען דער פּראָסט האָט זיך אויף ביינאַכט אַלץ שטאַרקער פֿאַרנומען און פּיאָטרוש, אַ פּשוט, נישט אויסהאַלטעוודיק בריאהלע, האָט אָנגעהויבן צו פּישטשען אַז ס'איז אים קאַלט, האָט מיך די מאַמע געהייסן אַלויף-טאָן צו דער סטרוזשקע און פֿרעגן, צי זי וועט נישט קויפֿן דאָס פּרעס-אייזן.

נאָר די סטרוזשקע האָט, ווייזט אויס, נישט פֿאַרגעסן יענעם אָפּזאָג פֿון דער מאַמען, האָט זי זיך אָנגעבלאָזן אַזוי ווי אַ קאַרמעליטישע באַניע.

— אַז איך וועל האַלטן ביי קויפֿן, וועל איך מיר קויפֿן אַ נייס! וואָס טויג מיר דאָרט אַזאַ אַלטער גראַט!

אַז איך האָב דאָס איבערדערציילט דער מאַמען, האָבן פּייערן אַ שלאָג געטון אויף איר.

— נישט, איז נישט! — האָט זי אויסגערופֿן מיט אַ קול, וואָס האָט בעציטערט פֿון כעס—קוקט זי נאָר אָן! אַ גראַט! אַן אַלטער גראַט!.. וואָס פֿאַר אַ מאַדאַם! אויף באָרגן איז עס איר געווען גוט, נאָר אַז קויפֿן, איז עס אַן אַלטער גראַט! וואַרט דו געמיין שטיק... גיהנום'ניצע...

זי האָט זיך פֿאַרהוסט און געכאַפּט זיך כאַר דער ברוסט. נאָר ס'איז נישט געווען, וואָס איר צו געבן נאָכצוטרינקען, ווייל די קרייטעכצער צום הוסט זענען שוין לאַנג געהאַט אויסגעגאַנגען.

— האָסטו דיר אַ טריאַטר!.. — האָט פּעלעק אַ מורמעל געטון, קנייפּנדיק מיך, אַזש כבין אויפגעשפּרונגען פֿאַר ווייטאָק.

— וויצויש! — האָט זיך די מאַמע אָנגערופֿן מיט אַ געבראָכן קול — טו אַלויף צו יענעם ערשטן האַנדלאַזש, וואָס האָט געגעבן צען גילדן, צו דעמדאָזיקן שוואַרצען, ווייסט? זאָל ער אַריבערקומען, — און צומאַכנדיק די מידע אויגן, האָט זי געשעפּטשעט:

— פֿאַר אַ שיבוש וועל איך עס פֿאַרקויפֿן, אַ תל מאַכן און דו גיהנומ'ניצע, געמיין שטיק איינע — אַוועק פֿון די אַלטע גראַטעס, חוזק-מאַכערקע פֿון יענעמס פֿאַרמעגן! סוועט דיר

נישט באַקומען! סוועט דיר נישט באַקומען!

און זי איז אַנטשוויגן געוואָרן אינגאַנצן אַ דערשעפּטע.

פּעלעק האָט זיך אַזש געשלאָגן מיט די פּיענטעס איבער די לידקעס פון די פיס, אַזוי איז ער געלאָפן מיט מיר נאָך דעם האַנדלאַזש. מיר האָבן געמיינט, אַז סוועט אים אויסקומען צו זוכן גאָט ווייסט וואו, נאָר ער איז כמעט גלייך אַקייגן אונזער טויער געשטאַנען, די הענט פאַרלייגט הינטערן גאַרטל פון כאַלאַט און האָט געשפּיגן אין די זייטן. סהאָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געשטאַנען און געוואַרט אויף אונז.

ווען פּעלעק האָט אונטערלויפנדיק, אים אַ שטורך-געטון אין עלנבויגן, האָבן אים אויפגעבליצט די פאַרמרוזשעטע אויגן, ווי ביי אַ קאַץ און ער האָט אַ צי-געטון מיט דער נאָז. ער האָט גענומען גיין נאָך אונז גיך, האַסטיק. נאָר אויך ער האָט איצט מער נישט געוואָלט געבן, ווי „גלייכע ניין גילדן". דאָס וואָרט „גלייכע", האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ קול, ווי ער וואָלט צו די דאָזיקע ניין גילדן אַמוייניקסטנס אַ האַלבן רובל צוגעלייגט.

דער מאַמען האָט זיך ווידער דאָס פּניב צופלאַמט.

— מענטש! — האָט זי אויסגעשריגן, — סטייטש, סאיז דאָך דערפון נישט אָפּגעקומען! סטייטש, איר האָט דאָך פריער צען גילדן געגעבן, און סאיז דאָך דאָסזעלבע!

— נו, איז וואָס, אַז עס איז דאָסזעלבע? — האָט פּלעג-מאַטיש אָפּגעענטפערט דער האַנדלאַזש — איך האָב זיך איבער-געלייגט. . .

— גיט-זשע שוין די צען גילדן, אַזוי ווי איר האָט גע-געבן. . . האָט „יאַנדעס"!. .

— נו, „יאַנדעס" האָב איך! ווען איך וואָלט קיין „יאַנדעס" נישט געהאַט, וואָלט איך נאָר געגעבן אַכט גילדן, נאָר אַזוי ווי איך האָב ,יאַנדעס", וועל איך געבן גלייכע ניין.

— אַז גאָט זאָל אייך שווער שטראָפן פאַר מיין עולה! — האָט די מאַמע אַ קרעכץ-געטון.

— וואָס הייסט שטראָפן?—האָט זיך געריסן דער האַנדלאַזש — פאַר וואָס שטראָפן? צי וויל איך עס בחנם נעמען? צי גיב איך

פלעווס? נו, איך גיב דאָך בּאַרעס געלט.

די מאַמע האָט שוין גאָר נישט געענטפערט, איר פּנים איז געווען אַזוי בּלייך, ווי אַן אָפּגעבּליאַקעוועט בּלאַט.

ווען דער ייִד האָט אויסגעציילט דאָס געלט, האָבן פּעליקס אויגן זיך געיאָגט נאָך יעדן צענערל. וועלכעס סאיז נאָר געווען אפילו עטוואָס אָפּגעריבּן, האָט ער עס בּאַלד אַרויסגעוואָרפן פון דער ריי, שרייענדיק, אַז סאיז פאַלש. דער ייִד האָט געסאָפּעט, דערנאָך איז ער אַזוי רויט געוואָרן, ווי עס וואָלט אים אַ האַרץ-שלאָג אָנגעכאַפּט. ער האָט זיך איינמאָל אפילו פאַרמאָסטן אויף פּעלעקן, אין אַזאַ כּעס איז ער אַרייַנגעקומען. אָבּער פּלוצלינג האָט ער אַ שמייכל-געטון, האָט אַרויסגענומען פון וועסטל-קעשענע אַ שוואַרצן גראָשן און דערלאַנגדיק פּעלעקן, האָט ער געזאָגט:

— אַי, דו קלוגער ייִנג! דו וואַקסט אַן „אוזשענדיק"! נאַ דיר אויף אַ קיכל!

נאָר פּעלעק האָט דעם גראָשן נישט צוגענומען.

— דאָ קוקט, וואו איר האָט נישט צוגעלייגט קיין דרייער — האָט ער געזאָגט, קלאַפּנדיק מיט אַ פינגער אין אַ קופּע גראָשנס, אין וועלכע סהאָט געדאַרפט זיין אַ גילדן — דאָ דערלייגט. און מיר פאַרדרייט נישט קיין קאָפּ מיט קיין קיכלעך.

דער ייִד האָט וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער געסמאָטשקעט מיט די ליפּן פאַר חידוש.

— אַ קלוגער „בּובּ"! — האָט ער אַ מורמעל געטון צו זיך אַליין.

ענדלעך האָבן זיי זיך ווי=סאיז אויסגעציילט. דער ייִד האָט מיט אַ רוישנדיקן קלאַפּ אַרייַנגעוואָרפן דאָס אייזן, דעם מאַרזשער און דעם ראָנדעל אין אַ שמוציק זעקל, און מיך האָט די מאַמע געשיקט נאָך קוילן און האָלץ.

ווען דער טאַטע איז געקומען, האָט זיך שוין געבּרענט פייער אין אויוון, און מיר האָבן געזופּט איינער נאָכן אַנדערן שיטערס פון אַן אייזערן טעפּל.

דער טאַטע איז שטיין-געבּליבּן אין דער שוועל, אַ קוק=געטון אויפן פייער, אויף אונז, דערנאָך איבּער דער שטוב, און ווען זיין בּליק איז געבּליבּן הענגען אויף די אָפּגעליידיקטע פּולקע, האָט

ער אַראָפּגעלאָזט די אויגן און איז אויף די שפּיץ־פֿינגער צוגעגאַנגען צו דער מאַמעס בעט.

ניט לאַנג דערנאָך האָט עס געלאָזט אין דרויסן. ביינאַכט פֿלעגט זיך הערן דער שרעקלעכער הילך פֿון דאָס פּלאַצנדיקע אייז אויף דער ווייסל. דאָך האָבן מיר נאָך כּסדר געקויפֿט קוילן, ווייל אין שטוב איז געווען אַזאַ פֿייכטקייט, אַז סהאָט זיך פֿון די ווענט געגאָסן.

אונזער שטוב איז געוואָרן אויסגעלערט און אויסגערייניגט.

— אויף גאָל... — ווי פֿעלעק האָט געזאָגט.

עס איז אַוועק דער מאַמעס געמיינערע קלייד, סאיז אַוועק דער זייגער, סאיז אַוועק די באַליע, און ווען סאיז אויך אַוועק דעם טאַטנס גראַנאַטענער פּלאַשטש, האָב איך אינגאַנצן פֿאַרלוירן דעם גלויבן אין די זאַכן, וואָס זענען „איינמאָל אויפֿן גאַנצן לעבן“. איבערהויפּט נאָך די דערפֿאַרונג, וואָס איך האָב ניט לאַנג צוריק געהאַט מיטן פּרעס־אייזן.

מיר זענען איצט אַרומגעגאַנגען איבער די ליידיקע שטוב, אַזוי ווי איבער אַ קירכע. און פֿעלעק, צונויפֿלייגנדיק די הענט ביים מויל האָט געהילכט, כּדי אַרויסצורופֿן אַ ווידער־קול. דאָך פֿלעגט דער דאָקטאָר קומען צו דער מאַמען, און איך פֿלעג אויך געלויפֿן אין אַפּטייק אַריין. דער אייזערנער טאָפּ איז נאָך אויך געווען, נאָר מיר האָבן זעלטן־ווען געקאָכט מיטאָג; מהאָט אָפּגעקאָכט קאַרטאָפֿל אויף אינדערפֿרי, איז שוין אויך אויף ביינאַכט געווען, און אינמיטן טאָג האָבן מיר זיך געיאָגט נאָכן ווירטס קעץ, ווייל זיי האָבן מוראדיק געליאַרעמט אויף די דעכער.

איינמאָל האָט זיך דער טאַטע אַוועקגעזעצט נעבן קאַסטן, האָט אים געעפֿנט און האָט לאַנג געקלערט איבער אים.

און געווען איז יענעם טאָג אין דרויסן אַ גרויסע נעץ, פֿון די דעכער האָט געגאָסן, די שפּערלען האָבן זיך געריסן, און די זון האָט דאָס ערשטע מאָל דעם ווינטער אַריינגעקוקט אין אונזער קעלער. נאָר דער מאַמען איז ווידער געוואָרן ערגער. אַ גאַנצע נאַכט האָט איר דער הוסט געמוטשעט, און צו טרינקען האָט זי זיך געהייסן געבן מער ווי פֿינף מאָל. קיין רעצעפּט איז ניט גע־

ווען. פעלעק האָט זיך געשטעלט אויף די שפּיץ-פינגער און האָט דעם טאַטן אַריבערגעקוקט איבערן אַקסל. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט זען, גאָט ווייס וואָס, און דערווייל גאָרנישט. דער טאַטע האָט נאָר געשאָקלט מיטן קאָפּ, האָט געצופּט די וואָנסעס און האָט שווייגנדיק געקוקט אויף דעם רויטן פּעקל, וואָס איז געלעגן אויף דעם דנאָ פון קאַסטן. ענדלעך האָט ער אויסגעצויגן די האַנט דערצו, האָט אַרויסגענומען די האַרמאָנקע און אַוועקזעצנדיק זיך אויף דער מאַמעס בעט, האָט ער אָנגעהויבן שפּילן.

די מאַמע האָט אַביסל אויפגעלעבט, האָט זיך געהייסן דערלאַנגען פּיאַטרושן אין בעט אַריין, און אויך מיר האָבן זיך אַוועקגעשטעלט נעבן בעט און צוגעהערט.

תחלת האָט דער טאַטע געשפּילט פריילעך און בעתן שפּילן האָט ער אַזוי געזאָגט צו דער מאַמען:

— געדענקסט, אַנולקאַ, ביעלאַן? געדענקסט, ווי מיר האָבן עס זיך באַקענט? ווי איך האָב דיר דאָס צוגעשפּילט גייענדיק?

— כגעדענק, האַרץ מיינס — האָט שטיל געזאָגט די מאַמע.

— צי דאָס, געדענקסט?... דאָס איז געווען אום די „דריי הייליקע" ביים עולה רגל זיין אויפן שילעץ...

— כגעדענק — האָט די מאַמע געשעפּטשעט.

— אַ כוואַט! — האָט פעלעק צו מיר אַ ברום געטון, שטורכנדיק מיך אונטער דער זייט.

— האָסט דאַמאָלס געטראָגן דאָס ראָזע קלייד אין פּאַסן און איך האָב זיך דערנאָך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען אָן דיר עפּעס אַ דריי טעג—האָט געזאָגט דער טאַטע מיט אַ ווייך קול.—און דאָס, אַנולקאַ?...

— דאָס געדענק איך נישט...

— ווי אַזוי געדענקסטו נישט?... דאָס איז דאָך געווען אויף וואָליע, ווען מיר זענען דאָרט אַהין מיטן שוואָגער, ווען איך האָב געוואָרפן אַ קופּעל יענעם דייטש, דערפאַר וואָס ער האָט זיך צו דיר צוגעזעצט...

— אַ, אמת! — האָט די מאַמע געשעפּטשעט.

דער טאַטע האָט ווייטער געשפּילט. די האַרמאָנקע האָט

ער געהאַלטן אויף די קני, האָט זי אויסגעצויגן און אַרייַנגערוקט און איבער די קלאַפּערלעך לייכט בּאַוועגט מיט די פינגער.

ווי לאַנג איך לעב, האָב איך נישט געהערט קיין שע-נערע מוזיק.

— אַנולקאַ! און דאָס?.. ווי-זשע?...

— געדענק, פיליפּל! — האָט געזאָגט די מאַמע — דאָס איז געווען דעם זונטאָג, ווען דו האָסט געלאָזט אָנזאָגן אונזער חתונה. אין טשערניאַקאָוו זענען מיר געווען מיט דער מאַמען עליה השלום...

— שפּעט אין דער נאַכט האָבּן מיר זיך צוריקגעקערט—האָט צוגעגעבּן דער טאַטע.—מיר האָבּן געשפּילט אין „גרינס"...

— און ווי דער בּעז האָט דאַמאָלס געשמעקט... און ווי די נאַכטיגאַלן האָבּן געזונגען...

— און ווי שיין דו בּיזט דאַמאָלס געווען... אָט אַזוי ווי די רויז, ווען זי בּליט...

פעלעק האָט מיר אַ שטורך־געטון אין די זשעבּרעס.

— און ווי דו האָסט דאַמאָלס געשפּילט, האַרץ... ווי דו האָסט געשפּילט...

זי האָט געשמייכלט, געזיפצט, האָט אויסגעוויזן איינצושלאָפן.

דער טאַטע האָט אויך איצט שיין געשפּילט. תּחלת פריי-לעך, הייטער, אַזוי ווי צום טאַנצן, אפילו די פיס האָבּן אונז אונטערגעשפּילט. דערנאָך אָבּער, אַזוי ווי עס וואָלט זיך צו דער דאָזיקער פריילעכקייט עפּעס וואָס צוגעמישט, האָט ער גענומען שפּילן וואָס אַמאָל טרויעריקער, וואָס אַמאָל טרויעריקער, ענלעך צו אַ געוויין, אַז אפילו פעלעק האָט זיך מיט דער פויסט צוויי מאָל אויסגעווישט די אויגן. פּלוצלינג האָט דער טאַטע אויסגע-צויגן די האַרמאָנקע מיט איינמאָל פון בּיידע זייטן און ער האָט אַרויסגעבּראַכט פון איר אַזאַ טרויעריקן קלאַנג, אַזוי ווי דער קלאַנג פון אָרגאַנען, ווען מען בּאַשפּילט אַ טויטן.

די מאַמע איז געשלאָפן. עס פלעגט איר איצט אָפט אָנ-כאַפּן אַזאַ שטאַרקער שלאָף, אַזוי ווי סוואָלט איר ווער פּלוצלינג די אויגן בּאַשיט מיט מאָן. און אויפגעכאַפּט האָט זי זיך שפּע-טער אַן אָפּגעשוואַכטע, אַ בּלייכע, מיט אַ קאַלטן שווייס אויפן

אויסגעדאַרטן פּנים.

דער טאַטע איז נאָך געזעסן אַביסל מיט אַן אַראָפּגעהאָנגענעם קאָפּ, געזעסן אַביסל, דערנאָך איז ער, אָפּזיפּצנדיק, אויפגעשטאַנען, האָט איינגעוויקלט די האַרמאָנקע אין יענעם טוואַרצן טיכל, אַרונטערגענומען זי אונטערן אָרעם, און אַראָפּרוקנדיק דאָס היטל, איז ער אַרויסגעגאַנגען אויף די שפּיץ-פינגער.

ווען מיר זענען געלעגן אַלע דריי אויפן שעניק אונטער דער מאַמעס פּאַטשיילע, האָט מיר פּעלעק אַ שטויס-געטון אין דער זייט און שטיל געזאָגט:

— וויצעק!

— נו, וואָס?

— ווייסט?... דער אַלטער האָט געוויינט ביים שפּילן!...

— ע-ע-ע?...

— ווי כהאָב אַ גאָט אין הימעל!—האָט זיך פּעלעק געשוואוירן, אַ זעץ-טוענדיק זיך מיט דער פויסט איבער דער ברוסט, אַזש סהאָט דאָרט עפּעס אַ קרעכץ-געטון—איך בין דאָך נישט בלינד כהאָב געזען... נאָר די טרערן זענען אים איבער די וואָנסעס אַריבערגערינען...

— און וואָס מיינסטו?—האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום צוגעגעבן—אַז אַ מענטש דערמאָנט זיך אַזוי אַלץ איינס נאָכן אַנדערן...

ער האָט שווער אַ זיפּץ-געטון, איז אונטער געלעגן אַ ווײַלע שטיל און האָט זיך אויסגעדרייט אויף אַ זייט צום אויוון; און אַ ווײַלע אַרום האָב איך שוין געהערט דײַן כראָפּען. דער טאַטע איז יענעם אָוונט אַהיימגעקומען שפּעט. נאָר ער האָט געבראַכט דער מאַמען אַ רעצעפּט, האָט צעברענט אַ פייער און געמאַכט טיי. דידאָזיקע נאַכט האָב איך לאַנג נישט געקאָנט איינשלאָפן, און אין קאָפּ האָט מיר כסדר עפּעס געשפּילט, דאָ טרויעריק, דאָ פריילעך. עס האָט זיך מיר אויך געחלומט פאַרשידענע זאַכן ביזן ווייסן טאָג אַריין. אָט, אַז אין שטוב איז אַ גאָרטן און, אַז בעז בליט אויפן אויוון; אָט, אַז אין פּאָדער-הויז זינגען נאַכטיגאַלן און אָט, אַז אויף דער וואַנט, דאָרט וואו סאיז אַכאָל געהאָנגען דער זייגער, שטייט איצט אַ פולע זילבערנע לבנה...

ווען איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, איז שוין פּעלק געשטאַנען אויפן שעניק און פאַרשנאָלט דעם פּאַזיק אויף די לאַנגע הויזענעס. דורך דעם אָפּענעם, שטאַרק פאַרלאַטעטן העמד האָבן אים אַרויסגעשטאַרצט די אויסגעדאַרטע זשעברעס, פון קאָלנער האָט זיך אַרויסגעבויגן אַ דינער האַלז, אַזוי ווי ביי אַ שפּערל און די אומגעוועלעך דאַרע פּיס האָבן אים געמאַכט אַ סך העכער, ווי ער איז אין דער אמתן געווען.

— פּעלעק! — האָב איך אַ זאָג-געטון.—וואָס ביזטו עפּעס אַזוי ווי אַ שטעקן אויסגעוואַקסן אין דעם חודש?

—נאַר!—האָט זיך פּעלעק צולאַכט—איך ציִ מיך נאָר אַזוי אויס, כדי דער בויך זאָל זיין קלענער.

ער האָט זיך אויסגעצויגן פאַר מיר אַזוי ווי אַ סטרונע.

—נו, וואָס?—האָט ער זיך געפרעגט.

—אָט זעסטו אויס, ווי אַ מאַרינירטער הערינג.

—איז גוט!—האָט פּעלעק אויסגערופן—איך שנייד זיך אויף אַ פּאַיאַץ.

און אַז איך האָב געלאַכט, האָט ער געזאָגט:

—נו, וואָס? אַ שלעכט פאַרדינסט מיינסטו?

און אַ זעץ-טוענדיק זיך מיט די הענט איבער די פּיס, האָט ער אַ שפּרונג-געטון אין דערהייך, געמאַכט אַ קאָזשעליק אין דער לופטן, און דערנאָך אויף אַלע פיר שטיל געפאַלן, ווי אַ קאַץ.

— ווייסטו? — דאָט ער געזאָגט — דאָס בין איך צוליב דעם „פּענדרעק” אַזוי אויסגעצויגן געוואָרן, — און ער האָט מיטן קאָפּ אָנגעוויזן אויף פּיאָטרושן, וואָס פּלעגט זיך שטענדיק אַמפּריסטן אויפכאַפּן און צוגיין צום טאָפּ זוכן, צי עס איז נישט אַמאָל דאָרט עפּעס געבליבן פון נעכטן.

— ווען מיר גייען אין דער אָכראַנקע אַריין — האָט פּעלעק ווייטער געזאָגט — ברומט ער נאָר איבערן גאַנצן וועג. אַז ער איז הונגעריק. מוז איך אים אַלע טאָג אַוועקגעבן אַ העלפט פון מיין ברויט, אַבי ער זאָל זיין שטיל.

— ע-ע-ע? — האָב איך מיר נישט צוגעגלויבט, פילנדיק, אַז איך וואָלט נישט געקאָנט באַווייזן אַזאַ העלדישקייט.

— ווי כּהאָב אַ גאָט אין הימל! — האָט פּעלעק גלייך זיך געשוואוירן, אַ זעץ טוענדיק זיך מיט דער פויסט איבער דער ברוסט, וואָס איז געווען, טרוקן אַזוי ווי אַ שייט האָלץ.

און קוקנדיק אויף פּיאָטרושן, וואָס האָט זיך געוואַקלט איבער דער שטוב אויף די קורצע, אויסגעקרומטע פיס מיטן גרויסן, אָנגעבלאָזענעם בויך פון די קאַרטאָפל, האָבן מיר ביידע אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ שרעקלעך געלעכטער, נישט צום אָפּהאַלטן.

— וואָס לאַכט איר עס דאָרט אַזוי, קינדער? — האָט די מאַמע געפרעגט מיט אַ שוואַך קול.

— פון פּיאָטרושן — האָט פּעלעק געענטפערט — וואָס ער איז אַזאַ גראָבער...

— וואו איז ער דאָרט גראָב, אָרים שוועלבעלע! פון וואָס זאָל ער זיין גראָב! — האָט געזאָגט די מאַמע.—פּיאָטרוש — האָט זי צוגעגעבן — וועסט גיין צו דער מאַמען, יתומל,

און זי האָט געשמייכלט צו אים, גלעטנדיק אים איבערן קאָפּ, אין דער צייט ווען מיר ביידע האָבן זיך געשטיקט פאַר געלעכטער פון דער דאָזיקער „העצע" — ווי פּעלעק האָט געזאָגט.

אונזער פריילעכקייט איז אָבער באַלד דערנאָך פאַרטונקלט געוואָרן.

— ווייסט וואָס, אַנולקאַ? —האָט יענעם טאָג אַ זאָג-געטון דער טאַטע, זעצנדיק זיך אויף דער מאַמעס בעט. — איך מיין, אַז מוועט מוזן די קליאַטשע פאַרקויפן.

— די קליאַטשע?... — האָט די מאַמע אויסגערופן, און האָט זיך אַזש אויפן בעט אויפגעהויבן.—ווי האָסטו פאַר גאָט קיין מורא נישט, פיליפּ! סטייטש, זי דערנערט דאָך אונז אַלע!...

דער טאַטע האָט זיך שווער אָנגעשפּאַרט אויף דער האַנט און האָט שווייגנדיק געצופּט די וואָנסעס.

— זי דערנערט און דערנערט אויך נישט! — האָט ער זיך אין אַ ווײַלע אַרום אָנגערופן. — מיטן „קאַציערז"*) אויפן טייך

---

*) „קאַרציערז"—אַ געץ פון אייזערנעם דראָט אויף אַ לאַנגן דראָנג, וואָס ווערט באַנוצט ביים אַרויסציִען די קיזל-שטיינדלעך.

איז זיך אומגעגלעך צו באַווייזן, דאָס וואַסער רייסט אַזוי — אַ שרעק! ביי די ריזל־שטיינדלעך, איז נישטאָ קיין שום אַרבעט, זאַמד גייט אויף עפּעס שלעכט אָפּ. אַ מענש וואָלט עס אויף די פּלייצעס געקאָנט טראָגן, און דאָ קויף יעדן טאָג סעטשקע און אויף קלייען כאָטש אַ הייפל, ווייל קיין האָבער זעט זי נישט פאַר די אויגן; איצט אַן אָרט, איצט אונטערבעטעכץ, און אַלץ איז טייער.

די מאַמע האָט נאָר געקרעכצט.

מיר זענען פאַרשטאַרט געוואָרן, דאָס הערנדיק. פּיאָטרוש האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן אויפן טאַטן און געעפנט דאָס מויל; איך בין געשטאַנען, אַזוי ווי אַ פאַרשטיינערטער.

ערשט פעלעק האָט מיר דערלאַנגט אַזאַ בענץ אין דער זייט אַריין, אַז סאיז מיר אַזש פינסטער געוואָרן פאַר די אויגן.

— הערסט, וויצעק! — האָט ער מיר אַ געשריי געטון אין סאַמע אויער אַריין.

— איך בין דאָך נישט טויב — האָב איך אים נאָך העכער אַ הילך געטון אין אויער אַריין. און באַלד זענען מיר אַרויסגעלאָפן אין הויז אַריין, ווייל סהאָט אונז אָנגעכאַפּט אַזאַ צער — נאָר צו רייסן זיך ביי די קעפּ.

די קליאַטשע האָבן מיר אומגעווענלעך ליב געהאַט. ווי לאַנג איך געדענק, איז שטענדיק געווען דער טאַטע, די מאַמע און די קליאַטשע. פעלעקן האָבן ערשט דערנאָך באַטשאַנעס געבראַכט, פּיאָטרושן דעסגלייכן; די קליאַטשע אָבער האָט געהערט צו דער דאָזיקער ריי באַשעפעניש, וואָס זענען שטענדיק. זיי זענען דאָ, ווייל זיי זענען דאָ, איך האָב זיך פשוט נישט געקאָנט פאָרשטעלן נישט איר אָנפאַנג, נישט איר סוף. די קליאַטשע האָט געהערט צו אונז און מיר — צו איר. נישט מיר האָבן זיך געקאָנט אָפּשיידן פון איר און נישט זי—פון אונז. דאָס איז געווען אַזוי נאַטירלעך, אַז אַנדערש האָב איך מיר גאָר נישט געקאָנט פאָרשטעלן. ווער עס וואָלט דאָרט געפעלט אין אונזער משפּחהלע, וואָלט געפעלט, אָבער קיינמאָל נישט די קליאַטשע. אונזער גאַנץ פאַרגעניגן איז זי דאָך געווען.

ווען דער טאַטע האָט זיך אומגעקערט אַ היים פון טייך,

זענען מיר אַרויסגעלאָפֿן—וואוהין! אַזש אויף האַלבן וועג אַרויס, כּדי וואָס גיכער צו זען דער קליאַטשע. וואָס מיר האָבן נאָר געהאַט, האָט מען איר אונטערגעטראָגן און אַריינגעפּאַקט איר אין מויל אַריין: אַ שטיקל ברויט, אַ קאַרטאָפֿל, אַ שאָל פֿון אַ ציטרין, וואָס מיר האָבן געפֿונען אויפֿן הויף.

אָבער אויך די קליאַטשע האָט אונז שטאַרק ליב געהאַט. שוין פֿון דערווייטן פֿלעגט זי הירזשען צו אונז און צו-איילן זיך מאַכנדיק פֿריילעך מיט די אויערן. און ווען מיר האָבן איר געקלאַפּט איבערן האַלז, איבער די זייטן, האָט זי זער גוט פֿאַרשטאַנען דידאָזיקע צערטלעכקייט און, אַראָפּהענגענדיק איר שווערן קאָפּ, האָט זי אונז געצופּט איבער די האָר, איבער די קורטקעס. פּיאָטרוש איז גאָר געווען איר ליבלינג; זי האָט פּשוט געהירזשעט אויפֿן טאַטן, אַז ער זאָל אים מיטנעמען מיט זיך.

אַז דער טאַטע האָט זי אויסגעשפּאַנט, האָט זיך ערשט געמאַכט אַ לעבן. פֿעלעק איז גלייך אַרויפֿגעשפּרונגען אויף איר ביינערדיקן רוקן, וואָס איז געווען צעפֿגעריבן פֿון די אַלטע האָלאָבלעס. און אין דער צייט ווען די קליאַטשע האָט איינגענורעט איר ריזיקן קאָפּ אין דעם זעקל מיט דאַרע סעטשקע, וואָס איז איר אָנגעבונדן געווען ביים קאַרק, האָט ער, צוקניענדיק אויף איין קני, אָדער שטעלנדיק זיך אויף איין פֿוס, געפֿאָכעט מיטן היטל און געשריגן:

— אָט דאָס איז דער באַרימטער רייטער פֿון קעלער, וואָס ווערט ביי זיך קיינמאָל נישט שמעלער. ער הייסט פֿעלעק מאָסטאָוויאַק, פון הערב—„גנאַט"! (גרויסער ביין) ער איז אַ דאַרער, נאָר אַ כוואַט! ווער גיט מער?...

ביי דעם וואָרט „ווער גיט מער" — האָבן מיר אַרויסגעהילכט מיט אַזאַ שרעקלעכן ליאַרם, אַז מענטשן זענען אַזש אַרויסגעלאָפֿן פֿון די הייזער.

נאָך פֿעלעקן האָט זיך פּיאָטרוש גענומען דראַפּן אויף דער קליאַטשע און מיר האָבן אים קוים געקאָנט אַראָפּזעצן, אַזוי האָט אים אַראָפּגעשווערט דער אויפֿגעבלאָזענער בויך. די קליאַטשע מיט פּיאָטרושן האָבן מיר אַרומגעפֿירט מיט טריומף איבערן הויף, נישט

לאָזנדיק איר רויִק באַקומען דאָס ביסל סעטשקע, און פעלעק האָט ווידער געפּאָכעט מיטן היטל און געליאַרעמט:

— און דאָס איז פּיאָטרוש פון הערב שטשורעמעכער, ער האָט צוויי לאַטעס און אַכט לעכער! קיין צוויי ציין נישט פון פאָרנט, מיט דער צינג קייט ער, און אויף די קליאַטשע רייט ער!.. ווער גיט מער?..

וואו ער האָט דאָ עפּעס צוגעטשעפּעט דעם „ווער גיט מער", האָב איך קיינמאָל נישט געקאָנט וויסן; פעלעק אַליין האָט גע־האַלטן, אַז דאָס פּאַסט זיך שוין אַזוי איינס צום אַנדערן. און ווי־דער האָבן מיר אַרויסגעזעצט מיט אַ מוראדיקן ליאַרעם, ווי מיר וואָלטן נישט דריי געווען, נאָר אַ שטיק דרייסיק.

— קוקט זיך נאָר צו, מענטשן מיינע—האָט געזאָגט די גראָבע קרעמערקע אין דער טיר שטייענדיק—וואָס דידאָזיקע ווילדע יינגלעך, די מאָסטאָוויאַקעס, אַרבעטן עס אַרום מיט דער קאָבעלע. זי איז דאָך אַ ריינע מאַלפּע פון אַ „מעראַנזשעריע".

און זי האָט זיך געכאַפּט פאַר די זייטן, טרייסלענדיק זיך פאַר געלעכטער, אַזש די אויגן זענען איר איינגעצן פאַרשוואונדן אין פעטן פּנים אַריין.

— מיט דער בייטש דערלאַנגט! מיט דער בייטש! — האָט זי געקוואָקעט צום טאַטן, אָדער: „כוועל זאָגן די מאַמען" אָדער: „כוועל זאָגן דער קליאַטשע". דידאָזיקע סטראַשונקעס האָבן מיר גאָרנישט גערינגעשעצט; און גאַנץ אָפט האָט פּיאָטרוש געקריגן אונטערגערוקט עפּעס אין מויל אַריין, בעזונדרס פון פעלעק, אַבי ער זאָל נאָר נישט „דערציילן דער קליאַטשע". ווייל מיר האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן, ווען זי האָט געקוקט אויף אונז אַזוי טרויעריק מיט דעם איינעם אויג אירס, אין דער צייט ווען איבער דעם צווייטן אויג, דעם בלינדן און ווייסליכן, פלעגט די גרויע ברעם זיך אויפהייבן און אַרונטערלאָזן זיך פּאַמעליך, אַזוי ווי מיט פאָרוואורף...

— הער, וויצעק - פלעגט פעלעק זאָגן — וואָס האָט די קליאַטשע עפּעס אינם בלינדן אויג, וואָס ענגבערט אַזוי?.. איך וואָלט פאַר ליבער גענומען, אַז דער טאַטע זאָל מיר דער־

לאַנגען מיטן פּאַסיק, ווי אַז זי קוקט אַזוי. דאָס רירט דיך אָן ביים סאַמע „האַגאָר"...

די קליאַטשע האָבן מיר גערייניגט יעדן טאָג. נאָר קיינמאָל איז ניט אַ דורך אָן געשלעגן איבער דער באַרשט און אייזער־נעם קאַם. ווי מיר האָבן עס איר דאַן די פּעל געריסן! די גזשיווע פּערפּלאָנטערט! דאָך איז די קליאַטשע געשטאַנען געדולדיק, פאַרמרוזשנדיק דאָס געזונטע אויג און נאָר פון צייט צו צייט, האָט זי געדרייט מיטן אויסגעקראָכענעם ווידל, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט אָפּיאָגן פון די קונדייסים.

באַלד נאָך ווייַנאַכטן האָט זיך אָנגעהויבן דאָס באָדן דער קליאַטשע. דאָס וואַסער איז נאָך געווען קאַלט, אַזוי ווי אייז. נאָר מיר פאַרשאַרצן שוין די הויזן און—אַראָפּ צום טייך. וואָס פאַר אַ טריומף־מאַרש דאָס איז געווען! די יינגלעך פון דער גאַנצער גאַס האָבן געוואָלט מיטלויפן מיט אונז, נאָר מיר האָבן זיי פערטריבן מיט דער בייטש.

ערשט דאָס פלוסקן מיט וואַסער אויף דער קליאַטשע, ערשט דאָס אויסרייבן איר די לידקעס און די זייטן, ערשט דאָס צו־פייפן איר, אַזוי ווי דער טאַטע פלעגט טון. די ערגסטע צרה איז געווען, ווען די קליאַטשע, כדי צו בעפרייען זיך פון אונז און אונזער אַפּיטרופּסות אויף איר, איז אַוועק עטליכע טריט ווייטער אין וואַסער.

— זי וועט דערטרינקען ווערן! דערטרינקען ווערן!—האָט פּיאָטרוש געליאַרמט און איז אַזש בלוי געוואָרן און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דרערד, האַלטנדיק זיך מיטביידע הענט ביים בויך. מיר זענען דאַן געקראָכן נאָך איר אינם וואַסער און געצויגן זי ביים ווידל צום ברעג צו, דערנאָך האָבן מיר זיך מידע, אָן אָטעם געלאָזט אַהיים, די קליאַטשע פאָרויס, מיר — הינטער איר, נאַסע, אָנגעגאָסענע מיט וואַסער, אַזוי ווי מיר וואָלטן זיך גע־טרענקט.

אין אָט דידאָזיקע קליאַטשע אונזערע האָט דער טאַטע גע־זאָלט פאַרקויפן!

דאָס איז געווען לויט אונזער באַגריף עפּעס, ווי דער סוף פון דער גאַנצער וועלט.

אַרויסלויפנדיק אין הויז אַריין, האָב איך פעלעקן גלייך אַ פלאַם-געטון איבערן אויער, ער מיר צוריק-אין קאַרק. איך ווידער גאָר נישט אויף קיין שפאַס — אַ זעץ אים איבער די פלייצעס און ער מיר—מיט דער פויסט אין דער זייט, אַזש טרערן האָבן מיר זיך געשטעלט אין די אויגן. און דאָ האָבן מיר זיך אָנגעכאַפט ביי די טשופּרינעס און צונויפגעדרייטע ווי אַ קנויל, האָבן מיר זיך ביידע איבערגעקאָלערט צו דער שוועל. און אַזוי שטאַרק איז געווען אונזער צער און פון אים — אונזער האַרטקייט, אַז קיינער האָט די פאַרע פון מויל נישט אַרויסגעלאָזט, קיין פישטש נישט געטון אַפילו.

נאָך דידאָזיקע „רייסעניש", איז אונז טאַקי אַביסל לייכטער געוואָרן אויף האַרצן.

מיר זענען צוריק אַריין אין שטוב, ווייל פון הויף האָט געיאָגט אַ שטאַרקע קעלט, און דער טאַטע האָט אַלץ נאָך אויסגערעדט דער מאַמען:

— איצטער וועל איך נאָך נעמען פאַר איר אַ שטיקל מטבע און אַז זי וועט אָפּגעדאַרט ווערן, ווייל באַלד וועל איך אויך דאָס ביסל סעטשקע איר מוזן קאַרגן, איז וואָס וועט מען דאַמאָלס געבן פאַר איר? וואָס, אַנולקאַ! ווי קלערסטו, האַרץ?

די מאַמע האָט שווער אַ זיפץ-געטון.

— וואָס האָב איך צו קלערן, פיליפ מיינער?.. איך קלע", אַז גאָט האָט אונז שווער געשטראָפט מיט דידאָזיקע קרענק. כקלע' אַז איך הענג דיר ווי אַ שטיין אויפן האַלז און, אַז כוועל דיך צום גרונט ברענגען... וועגן דידאָזיקע יתומים קלער איך...

זי האָט מיט דער האַנט פערדעקט די אויגן און האָט זיך הויך צוכליפּעט. דער טאַטע האָט איר געקושט איבערן קאָפּ.

— אַנולקאַ!... האַרץ!... — האָט ער איבערגעחזרט, אַזש פלוצלינג האָט ער אַליין אַרויסגעזעצט מיט אַ געוויין.

— ברענען זאָל עס!... — האָט אַ ברום-געטון הינטער מיר פעלעק, אויסווישנדיק זיך די אויגן מיט דער פויסט.

עטליכע טעג זענען אַדורך, און וועגן פאַרקויפן די קליאַטשע האָט מען עפּעס נישט געשמועסט.

די מאַמע האָט זיך געפֿילט וואָס אַמאָל ערגער. איר שווערער, כריפּענדיקער הוסט האָט אונז געוועקט ביינאַכט פונם האַרטן קינ־דערישן שלאָף. גאַנץ אָפֿט איז זי איינגעשלאָפֿן ערשט אין דערפֿרי, און כאָטש כּהאָט זיך פּלוצלינג געמאַכט וואַרים אין דרויסן, דאָך האָט זי זיך מינוטענווייז געטרייסלט אין פֿיבער, אַזש די ציין האָבן געקלונגען. דער טאַטע איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב איינגעהויקערט, געל, ווי ער וואָלט מיט אַ צען יאָר עלטער גע־וואָרן. אַ האַנט האָט ער איבער אונז געהאַט אַ האַרטע און צוליב אַ ליאַדע־וואָס, האָט ער אונז ביי די טשופּרינעס אָנגעכאַפּט. נאָר מיר האָבן וויי‍ניק־וואָס זיך געפֿונען אין שטוב, פֿאַרברענגענדיק דעם גרעסטן טייל פֿון טאָג אינם שטעלכל.

פֿון יענער צייט אָן, ווען סהאָט אונז גענומען דראָהען די סכּנה צו פֿערלירן די קליאַטשע, איז זי אונז געוואָרן טאָפּלט טייער. עס האָט אונז ביז טרערן איצט גערירט יעדער פֿירסקע אירער, יע־דער ריר מיטן ווידל.

— אוי... ווײַ! — האָט אויסגערופֿן פּיאָטרוש, איינקוקנדיק זיך אין איר מיט התפּעלות, ווי זי האָט איינגעגראָבן אין דער קאָרעטע איר גרויסן קאָפּ און אויפהייבנדיק אים, האָט זי געקייט די בלויזע סעטשקע, פֿאַרמרוזשנדיק דאָס געזונטע אויג.

— אָ... זי טרינקט! — האָט ער אויסגערופֿן, אַז זי האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין אַלטן קובעליקל, וואָס מיר האָבן איר אַליין צוגעטראָגן, כּדי אַ זויף צו טון וואַסער דערפֿון.

איך און פֿעלעק פֿלעגן זיצן פֿון ביידע זייטן קאָרעטע און וואַרפֿנדיק מיט די פֿיס, האָבן מיר זיך גאַנצע שעהן צוגעקוקט צו יעדע באַוועגונג אירע.

די קאַרטאָפּל אַפֿילו, וואָס מיר האָבן איצט שוין יעדן טאָג געהאַט אָן שמעלצעכץ, האָבן מיר דאָ אַהער געבראַכט צוטראָגן, כּדי מיטאָג צו עסן צוזאַמען מיט דער קליאַטשע, כאָטש עס איז נישט געווען, וואָס זיך מיט איר צוטיילן, ווייל אונז אַליין האָט מען וואָס אַמאָל אַלץ קנאַפּערע פּאָרציעס געגעבן.

עס איז אויך פֿרייליכער געווען אינם שטעלכעל, ווי אין שטוב, ווייל דאָ האָט אונז די זון געשיינט אין סאַמע מויל אַריין דורך

דער פרייט-געעפנטער טיר און אין אונזער קעלער, אזוי לאנג ווי דאס יאר איז, האט זי קיינמאל נישט אריינגעקוקט.

— אָבער דאָ איז דאָך קאַלט ביי אייך—האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, צוגייענדיק צו דער מאַמען, — און אַ שרעקליכע פייכטקייט! איר דאַרפט זיך בעמיען וועגן אַ טרוקענע און וואַרימע שטוב פאַר דער פרוי אייערע, — האָט ער צוגעגעבן, ווען דער טאַטע האָט אים באַגלייט אין הויז אריין — אייער פרוי קאָן נישט ליגן אין אַזאַ שטוב. אַ שרעקליכע לופט, אַן אומריינע, קיין שום ווענטילאַציע, קיין שום ליכט. איר דאַרפט דאָך זאָרגן נאָך דער פרוי, אַז זי איז קראַנק. עס ווערט איר וואָס אַמאָל ערגער און עס מוז ווערן ערגער אין אַזעלכע באַדינגונגען.

דער טאַטע האָט געביסן די וואָנסעס און געשוויגן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— מילך וואָלט זי געדאַרפט פרישע, פלייש, טיילמאָל אַ גלעזעלע וויין... דאָ ווען קיין רעצעפטן גאָרנישט העלפן, דאָ דאַרף מען פירן אַ נאַרהאַפטיקע דיעטע...

ער איז שוין געהאַט אַוועק און כהאָב געזען, ווי ער האָט זיך פאַרנומען אין דער צווייטער גאַס אריין, און דער טאַטע איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין הויז, געקוקט אויף דרערד און געביסן די וואָנסעס.

נאָך פלוצלינג אַ כאַפּ־טועודיק זיך, האָט ער אַ ריס-געטון דאָס העמד פון פאָרנט, צוריסן דאָס היילי̇קע זעקעלע, וואָס ער האָט געטראָגן אויפן האַרץ און אַרויסנעמענדיק דערפון אַ זילבערנע מטבע מיטן בילד פון דער „הייליקער מוטער", האָט ער מיך געשיקט נאָך קוילן און מילך, אָנזאָגנדיק מיר, אַז איך זאָל נישט זאָגן דער מאַמען, וואָס און ווען.

צומאָרגנס אין מיטן טאָג, האָבן מיר זיך גענומען גראָד מאַכן אַ פאָרשטעלונג און שוין האָט זיך פעלעק געדראַפּעט אויף דער קליאַטשע אַרויף, אַז דער טאַטע איז פלוצלינג אַריין אינם שטעלכל און הינטער אים —דער הער לוקאַש סמאָליק, אונזער פּיאָטרושס טויף-פאָטער; אַ פראַגער דראָשקאַזש. עס האָט מיר גלייך עפּעס אַ שטאָך געטון אין האַרצן. האָב איך פעלעקן דער־

לאַנגט אַ שטורך און ביידע זענען מיר שטיין געבליבן, ווי פּחדנים.

דער הער לוקאַש, אריבערטרעטנדיק די שוועל, האָט אַוועק־געשטעלט די בייטש אין אַ ווינקל, אָפּגעווישט זיך די גרויסע ביינערדיקע נאָז מיט דער פּאָלע פון דער בלויער קאַפּאָטע און אויסציִענדיק דעם דאַרן, לאַנגגען האַלז, האָט ער פּאַמעליך גענומען אַ שמעק טאַבאַק. אַ פאַרשוין איז דאָס געווען שוין אַן אַלטער, אַ הויכער און גוט איינגעהויקערטער; אייגעלעך האָט ער געהאַט קליינע, שוואַרצע, עקבערדיקע, ברעמען — שטעכיקע און אַ דאַרע בעוואַקסענע גאָמבע. אונטער זיין ביינערדיקע נאָז, האָבן געשטאַרצט אַ פּאָר געלע, פאַרדרייטע וואָנסעס, וואָס ער האָט ביים טאַבאַק שמעקן באַוועגט, פונקט ווי אַ קרוליק. פון אונטער דעם גרויסן בלויען היטל האָבן אַפּערגעקוקט אַ פּאָר ברוין־בלויע אויערן, באַוואַקסן מיט ווייסע הערלעך, דאָס רעכטע אויער—באַפּוצט מיט אַ זילבערן אוירינגל. צו אונז איז דער הער לוקאַש זעלטן ווען אריין, כאָטש ער האָט זיך גערעכנט פאַר אונזערס אַ שכן. די מאַמע האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער איז אַ קניקער, אַז ער זיצט אויפן גראָשן; טיילמאָל ווידער האָט זי פאָרויסגעזאָגט, אַז ער וועט אַלץ פערשרייבן פּיאָטרושן, ווייל ער איז געווען אַן אלמן אָן קינדער.

אין דער צייט ווען מיר האָבן, פאַרשטומענדיק פּלוצלינג, זיך צוגעקוקט אַזוי צום הער לוקאַש, איז דער טאַטע — אַזוי ווי ער וואָלט אונז גאָר נישט געזען — גלייך צוגעגאַנגען צו דער קאָריטע, האָט אָפּגעבינדן די קליאַטשע און האָט איר אַ פּאַטש געטון איבערן הינטערשטן טייל.

— אַ נו, אַלטע! — האָט ער אויסגערופן, אויסדרייענדיק זי מיטן קאָפּ צו דער ליכט. די קליאַטשע האָט פאַרמרוגשעט דאָס געזונטע אויג אירס און מיט דעם בלינדן, שטאַרן און ברייט־געעפנטן אויג האָט זיך געדאַכט, קוקט זי ערגעץ ווייט, ווייט.

דער הער לוקאַש, האַלטנדיק אַ שמעק־טאַבאַק פאַר דער נאָז, האָט אָנגעהויבן זיס צו שמייכלען און דרייענדיק מיטן קאָפּ, האָט ער געקוקט אויף דער קליאַטשע, דאָ פון דער לינקער און

דאָ פֿון דער רעכטער זייט.

— הע!.. הע!.. הע!.. און וואָס ווילסטו, קומעלע, פֿאַרקויפֿן?.. די פֿעל, צי די ביינער?

דער טאַטע האָט טריב אַ קוק־געטון פֿון אונטערן אויג און גלייך האָבן זיך אים די וואָנסעס אויפֿגעהויבן. נאָר ער האָט בלויז אַראָפּגעשלונגען דאָס שפּייעכץ און געזאָגט:

— די פֿעל און ביינער, קום, וועלן פֿאַרדינען ביי אייך אויף פֿלייש. אַז מוועט איר נאָר אַ שמייכל־טון אַזוי מיט אַביסל האָבער, וועט זי ווערן קיילעכדיק, ווי אַ קלוסקע.

— זאָל זיין אַזוי, קומעלע!.. האָט זיך דער הער לוקאַש ווידער צולאַכט — אַ שמייכל־טון איר! אַ שמייכל־טון! האָבער איז אָבער איצט טייער, קומעלע. פֿינף גילדן אַ פֿערטעלע, קומעלע! און היי איז אויך טייער...

— טייער. — האָט דער טאַטע אַרויסגערעדט גלייכגילטיק. נאָר כהאָב געזען, אַז די אויגן האָבן זיך אים אָנגעצונדן.

— דעם פֿוס! אַ נו!.. — האָט ער אויסגערופֿן, אַ זעץ טוענדיק דער קליאַטשע, וואָס איז אַריבערגעטרעטן איבער די שטריק, וואָס האָבן זיך איר נאָכגעשלעפּט.

— הע!.. הע!.. הע!.. — האָט זיך דער הער לוקאַש נאָך זיסער צולאַכט — און אַ שפּאַטל, זע איך, איז אויך דאָ..

— דאָ! — האָט דער טאַטע אָפּגעענטפֿערט קורץ און טרוקן.

איך האָב פֿעלעקן אַ צי־געטון ביים אַרבל, אַז סאיז דאַכט זיך נישט קיין סכנות, אָבער ער האָט מיך נאָר אַ שטופּ־געטון מיטן עלנבויגן און מיט ברייט פֿאַנאַנדערגעעפֿנטע אויגן געקוקט דאָ אויפֿן טאַטן, דאָ אויף לוקאַשן.

— או־או־או... אַ היבטישער שפּאַט... — האָט גערעדט דערווייל דער הער לוקאַש, אויסציִענדיק די בעוואַקסענע גאָמבע פֿונם געלן וואָלענעם טיכל — או־או־או... אַ שפּאַט! — און ער האָט גענומען צו־סמאָטשקען מיט די ליפּן.

— זי וועט שוין פֿון אים נישט אַרויס, ניין! — האָט ער צוגעגעבן, אַריינציִענדיק אַ פּאָרציע טאַבאַק און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ.

דעם טאַטן האָבן זיך די וואָנסעס וואָס אַמאָל אַלץ העכער אויפגעהויבן, אַז ער האָט זיי אַזש מיט דער האַנט אַרונטערגעריסן.

— איך שלייער זי דאָך נישט איין דעם קום! — האָט ער געזאָגט, קוקנדיק אויף דרערד אַראָפּ — פאַר מיר איז זי אויך מיטן שפּאַט גוט. ווען נישט דעם ווייבס קרענק, וואָלט איך זיכער די קאָבילע נישט אָפּגעלאָזט. זי איז דאָך אונזער שפּייזערן...

דער הער לוקאַש איז אַנטשוידיגן געוואָרן און אַראָפּבייגנדיק זיך, האָט ער אָנגעשפּאַרט די הענט אויף די קניען און געקוקט דער קליאַטשע אויף די פּיס.

— שלעפּט אפשר די פּיס?... הע!... הע!... הע!... — האָט ער זיך פרעגנדיק צולאַכט.

— די פּיס! די דאָזיקע קאָבילע שלעפּט די פּיס! — האָט דער טאַטע אַ געשריי-געטון און איז שוין אינגאַנצן געשטאַנען אַ צופּלאָמטער. — גאָט זאָל מיך אַזוי שטראָפן, אויב זי שלעפּט די פּיס! בעוויז, קום... וואו שלעפּט זי?..

— נו... נו!...—האָט דער הער לוקאַש זיס אַ שמייכל געטון—איך פרעג זיך דאָך נאָר, ווייל ביים קויפן אַ פערד, איז פּונקט ווי ביים חתונה-האָבן: וואָס דו ווערסט נישט דערזען מיטן אויג, וועסטו באַצאָלן מיטן בייטל...

— איך בין נישט קיין דרייער! — האָט האַסטיק אַ זאָג געטון דער טאַטע, און די הענט האָבן זיך אים שוין גענומען הייבן — איך וויל קיינעם נישט באַשווינדלען. וואָס סאיז אמת, וועל איך זאָגן און וואָס נישט — נישט.

— אַ, וואָס איז זי?.. בלינד?.. — האָט דער הער לוקאַש, אויסגלייכנדיק זיך פּלוצלינג און פאַנאַנדערייסנדיק מיט די פינגער די אָפּגעשטאַרבענע ברעם פון דער קליאַטשע, פון דער-נאָנט איר אין אויג אַריינגעקוקט.

פעלעק האָט זיך אַ באַוועג-געטון און איבערשטעלנדיק זיך פון איין פוס אויפן אַנדערן, האָט ער מיר אַ קניפּ-געטון אונטערן אָרעם אַזוי, אַז כהאָב שיער נישט קיין געשריי געטון.

— בלינד — האָט דער טאַטע געענטפערט מיט אַ מאָדנע רויק קול, כאָטש די וואָנסעס האָבן זיך אים ווידער אויפגעשטעלט.

—אויפֿן לינקן אויג בלינד. אַזוי האָב איך זי שוין געקויפֿט און אַזוי איז זי. ביי מיר איז זי נישט בלינד געוואָרן.

— העי! העי! העי!.. — האָט זיך זיס צולאַכט דער העד לוקאַש און ווידער גענומען אַ פּאָרציע טאַבאַק.

— זאָג־זשע אַזוי, קומעלע! בלינד!.. או־או־או! העסליך בלינד!.. ער האָט אָפּגעשאָקלט די פינגער און בעהאַלטן דאָס טאַבאַק־פּושקעלע.

— וויבאַלד אַז זי איז בלינד — האָט ער געזאָגט, פאַר־ציענדיק מיט דער נאָז — איז גאָר אַן אַנדער עסק, אַנדערע דיבורים...

איבערן טאַטענס פּנים איז אַ פלאַם אַריבערגעלאָפֿן.

— וואָס פאַר אַן אַנדערע דיבורים דאַרף עס זיין?—האָט ער אַ זאָג געטון מיט אַביסל אַן אויפגעבראַכטע שטימע. — בלינד איז בלינד! דער קום וועט זי דאָך נישט לאָזן לערנען אין די ביכער, נישט שיקן אין „שקאָלע" אַריין. און איך זאָג דעם קום, אַז אַ בלינדע קליאַטשע איז טיילמאָל בעסער פון אַ זעעוודיקער. דאָס איז אַקאָבילע—אַ גייערקע, אַז קיין בעסערע גייערקע, זאָל איך אַזוי לעבן, האָב איך שוין אַ סך יאָרן נישט געזען.

— אָבער! ווי דאָרט!.. — האָט זיס געלאַכט דער העד לוקאַש — דו רעדסט טאַקי זער פיין, קומעלע, אָבער צי ווילסטו מיר דען איינרעדן, אַז די בעסטע קליאַטשע איז אַ בלינדע?

— די בעסטע—נישט די בעסטע! און דאָס, אַז איך האָב קיין בעסערע גייערקע נישט געזען, האָב איך טאַקי נישט געזען. און וואָס שייך איינרעדן, הויבט זיך נישט אָן, איך בין דאָך אַ קריסט עפּעס, נישט קיין ייִד.

דער טאַטע האָט גערעדט פּאַמעליך, פּאַסנדיק זיך, נאָר דאָס קול האָט אים געזאָטן.

פּלוצלינג, ווי ער וואָלט אונז ערשט נאָר־וואָס דערזען, האָט ער אַ כאַפּ־געטון פעלעקן פאַרן קאַרק און אַ שטופּ־טועענדיק אים אין די טיר אַריין, האָט ער געשריגן:

— איר וועט מיר נישט אַרויסגיין פון דאַנען, היינטישע פּיס?..

מיר האָבן זיך ווי אַ ווינט אַ טראָג־אַרויס געטון פֿון שטעלכל און ווי אַ ווינט אַריינגעפֿאַלן אין שטוב.

אַ ביסל שפּעטער איז דער טאַטע אַריין אין שטוב אַ באַרויקטער צוזאַמען מיטן הער לוקאַש: באַשר, אַז עס פּאַסט נישט, אַז די קניה פֿון דער בהמה זאָל אַנדערש צוגעקלאַפּט ווערן, נאָר אין שטוב, אונטער אַ דאַך; ציגיינער נאָר היטן דאָס נישט אָפּ.

באַלד האָבן זיי גענומען געבן זיך די הענט, דער הער לוקאַש דורך דער פּאָלע פֿון זיין דראָשקאַרישע קאַפּאָטע, דער טאַטע — דורכן שפּענצער, וואָס האָט אים אויפֿן רוקן אין צוריסענע פּאַסן נאָכגעהאָנגען.

— גאָט איז מיין עדות — האָט דער טאַטע געזאָגט — אַז איך וואָלט קיין פֿרעמדן און נאָך אַ ייִד דערצו. פֿאַר קיין שום געלט נישט פֿאַרקויפֿט די קאָבילע. אַזוי ווייס איך, אַז זי קומט אַריין כאָטש אין גוטע הענט. . .

— הע ! הע ! — האָט געלאַכט דער הער לוקאַש — שכניש ! שכניש ! איך וועל איר קיין עולה נישט טון. . .

— און ווען, גאָט זאָל אויסהיטן — דערביי האָט ער מיטן קאָפּ אָנגעוויזן אויף דער מאַמען, וואָס איז געלעגן, ווי אַ טויטע מיט פֿערשלאָסענע אויגן — נו, איז דאָך קיין מענטש נישט קיין שטיין, וועל איך שוין ווי אַ קום בחנם זי אַרויספֿירן. . .

דער טאַטע האָט גאָרנישט געענטפֿערט, נישט אַזוי און נישט אַזוי, ער האָט נאָר די אויגן אַראָפּגעלאָזט און די וואָנסעס געריסן, און די מאַמע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט מיט אַ קרעכץ. אפֿשר איז זי נישט געשלאָפֿן גאָר.

ווען דער הער לוקאַש, געבויגן אין צווייען, איז אַרויסגעגאַנגען פֿון שטוב נאָכן טאַטען, האָבן מיר זיך אַ וואָרף־געטון צו דער טיר, כדי צו לויפֿן צו דער קליאַטשע.

נאָר דער טאַטע האָט זיך פּלוצלינג אומגעקערט:

— איר זאָלט מיר די נאָז נישט אַרויסשטעקן איבער דער שוועל ! — האָט ער שטרענג אַ געשריי־געטון, — אין שטוב זיצן. . .

און ער האָט אַ טראַסק־געטון מיט דער טיר.

מיר זענען שטיין-געבליבן ווי בעטויבט. איך האָב געקוקט אויף פעלעקן און—פעלעק אויף מיר; די אויגן זענען אים געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער, וואָס אַמאָל דורזיכטיקער, דאָס מויל און די גאָמבע האָבן זיך אים געוואָרפן ווי אין פיבער און פלוצלינג, אַ כאַפּ-טוענדיק זיך מיט ביידע הענט פאַר די האָר, האָט ער אַ געשריי-געטון:

— ברענען זאָל עס!—און איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ גרויס געוויין.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן איצט גוטע צייטן. און שטוב האָט זיך געמאַכט וואַרעם, איבער די ווענט האָט אויפגעהערט צו וואַקסן שוואָמען. ביי דער קרעמערקע האָבן מיר געבאָרגט אַ צווייטן טאָפּ אויף קאַשע.

נאָר, וואָס אָן דער קליאַטשע איז אונז געווען שרעקליך אומעטיק, און וואָס איינער פון אונז האָט אַ קוק-געטון אויפן שטעלכל, האָבן זיך אים געשטעלט טרערן אין די אויגן. אויך די מאַמע האָט עפּעס גאָר נישט געוואָלט.

— איך וועל שוין שטאַרבן, פיליפ... — האָט זי אַרויס-גערעדט מיט אַזאַ שטילינקע קול, ווי דער רויש פון זומער-ווינטל.

— לאָז דיך שוין נישט קאָסטן אויף מיר.

דאָ ווידער איז איר עפּעס פלוצלינג בעסער געוואָרן. זי האָט זיך געהייסן אָנוואַרימען ביר, אָדער מילך מיט פוטער און פיאָטרושן האָט זי אַליין געוואַשן, געקעמט. זי האָט אונז דאַמאָלס דערציילט, ווי זי וועט גיין קיין טשענסטאָכאָוו, וויבאַלד זי וועט געזונט ווערן, ווי זי וועט אונז מיטנעמען מיט זיך, וואָס פאַר אַ טורעמס מיר וועלן דאָרט זען, וואָס פאַר אַ קירכע, וואָס פאַר אַ שפּילן אויף אָרגאַנען מיר וועלן הערן. דאָס פּנים האָט איר דאַמאָלס געפלאַמט און די אויגן האָבן איר געלויכטן, אַזוי ווי אַ פייערשוואָם. דאָס פלעגט געוועגליך זיין אין אָוונט.

נאָר אַז ס'איז געקומען דער פרימאָרגן, איז זי געלעגן ווי אָן אַ נשמה, וואָס אַ טאָג בלייכער, אָט ווי אַ דורכזיכטיק נעפּעלע. נישט קיין קול, נישט קיין אָטעם, נישט קיין מינדסטער פאַרלאַנג.

דער טאַטע כאַפּט זיך אויף, לייגט צו דאָס אויער צו איר מויל, הייסט אונז זיין שטיל — און הערט זיך צו. ביז ער טוט הויך אַ זיפץ, ווי ער אַליין וואָלט פלוצלינג צוריק אויפגעלעבט און הייבט אויף די אויגן צו דעם שוואַרצן צלם איבערן בעט.

נאָר איינמאָל האָט ער געהאָרכט און זיך עפּעס נישט דער-האָרכט.

די מאַמע איז געשטאָרבן ביינאַכט אַזוי שטיל, אַז קיינער האָט נישט געהערט אַפילו.

פּיאָטרוש איז נעבן איר געשלאָפן יענע נאַכט, און אויך ער האָט נישט געהערט. דאָס נשמהלע איז אַרויס פון איר, אַזוי ווי פּאַרע. זי האָט זיך נישט קיין מאַטער געטון אַפילו אַזויפיל, ווי אַ שפּערל, ווען ער פליט-אַפּ.

און ווען דער טאַטע האָט, אַפּרייסנדיק דעם קאָפּ פון אירע אויסגעדאַרטע בריסטן, אַ געשריי געטון, אַז די מאַמע איז טויט, זענען מיר שטיין געבליבן פאַרן בעט אין גרויס חידוש, קוקנדיק דאָ אויף איר בלוי-געוואָרן מויל און דאָ אויף פּיאָטרושן, וואָס איז נעבן אירע קאַלטע, שטייף-אויסגעצויגענע פיס געשלאָפן אַ וואַרימער, מיט רויטע בעקלעך, דאָס שטערענדל באַדעקט מיט אַ פּערלדיקן שווייס... אַזאַ פענדראַק! דער טויט האָט אים מיטן עלנבויגן געשטויסן און ער — גאָר נישט.

באַלד האָט זיך געמאַכט אַ גרויסער רעש אין שטוב. עס זענען זיך צונויפגעקומען די שכנות, האָבן אָנגעהויבן עצות געבן שאָקלען מיט די קעפּ, זיפצן, און אַזוי ווי דער טאַטע האָט יענעם טאָג קיין קאַשע אונז נישט אָפּגעקאָכט און פּיאָטרוש האָט געוויינט עסן, האָט אים די קרעמערקע אַריבערגענומען צו זיך, און האָט אויך אונז צו זעמל געגעבן.

— ווי דידאָזיקע באָבע איז עס ווייך געוואָרן! האָט פעלעק שטיל אַ זאָג-געטון און דערויף האָט ער איר גלייך אַ קוש געטון און מיט די באָרוועסע פיס זיך געשיקט פאַרבויגן.

יענעם גאַנצן טאָג איז מיר געווען אַזוי, עפּעס ווי עס וואָלט מיר ווער געשעפּטשעט אין אויער אַריין: „נישטאָ שוין די מאַמע!.. די מאַמע איז שוין געשטאָרבן"... האָב איך באַלד מיט

די פֿויסט מיר אויסגעווישט די אויגן, ווייל סהאָט זיך מיר שרעקלעך געוואָלט וויינען.

נישט קוקנדיק דערויף האָבן מיר יענעם טאָג אויסגעצייכנט פֿאַרבעגנט, ווייל ביי אונז איז געווען אַזאַ הו־האַ, ווי אויף די אָרדינאַצקעס. אויף וויפֿיל איך געדענק, האָב איך קיינמאָל נישט געזען אַזויפֿיל מענטשן אין אונזער קעלער; וואָס עס גייט ווער אַ דורך פֿאַר אונז, דער גלעט אונז איבער די קעפּ, דער דערבאַרעמט זיך, דער ציט מיט די נאָז.

נעכטן נאָך האָט אונז קיינער אין גאַנצן הויז נישט אַנדערש גערופֿן, נאָר לאָבוסעס, אָדער „לאַטקעס" און היינט, ווי עס וואָלט זיי ווער באַשמירט די מיילער מיט האָניק: יתומים! יתומימלעך אָרימע שעפּעלעך!...

און פֿעלעק מאַכט כסדר אָנשטעלן, ווינקט מיט די אויגן און וואָס עס גייט ווער אַ דורך, טוט ער מיר אַ שטורך.

— איז דאָס אַ קאָמעדיע! איז דאָס אַ „טיאַטר"!—שעפּטשעט ער און מאַכט אין די צווייפֿגעדריקטע פֿויסטן צוויי מאַוסעפֿייגן, און די צינג בלעזלט זיך אים אַליין אַרויס, אַ דינע און אַ שאַרפֿע, אַזוי ווי אַ שלאַנגען־צינגל.

דער טאַטע איז דערווייל אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב, אַזוי ווי נישט ביים זינען. וואָס ער נעמט עפּעס אין דער האַנט אַריין לייגט ער עס צוריק, כאָטש סאיז דאָרט אין דער פּוסטקייט נישט געווען שוין כמעט וואָס אין דער האַנט צונעמען.

און די ווייבער האַלטן אין איין אַרומקוקן זיך איבער אונזער אָרימקייט, שעפּטשען נאָר איינע דער אַנדערע אויפֿן אויער, גאַוועגן מיט די הענט, שאָקלען מיט די קעפּ און קרעכצן... איך האָב געמיינט, אַז עס וועט דערצו קיינמאָל קיין סוף נישט נעמען. ביז זיי זענען זיך ענדליך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען, ווייל דאָס מיטאָג איז זיי געלאָפֿן פֿון די טעפּ.

ווען נישט אָט דאָס רחמנות פֿון די לייט, וואָלטן מיר אפֿשר נישט אַזוי שטאַרק געפֿילט אַז די מאַמע איז געשטאָרבן: בערך אַהאַ־ביאָר האָט זי זיך אין דער דאָזיקער קרענק שוין נישט אויפֿגעהויבן און די לעצטע צייט, איז זי פּונקט אַזוי שטיל געלעגן

אויפֿן בעט, ווי איצט. און איצט, בעת איך האָב אויף איר געקוקט, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז פֿון הינטער די ברעמען קוקט זי אויף פּיאָטרושן און שמייכלט לייכט און אָקאָרשט וועט זי אַ זאָג-טון: „וואו איז ער דאָרט גראָב, אָרים שוועלבעלע"! אינגאַנצן אַזוי ווי פֿריער, נאָר וואָס קיין ליכט האָבן זיך נישט געברענט אַזוי נעבן איר.

פֿון דידאָזיקע ליכט איז געפֿאַלן אויף איר אַ דורכזיכטיקע געלקייט, וואָס האָט מיך געשראָקן. איך האָב דערפֿילט, אַז זי האָט געהאַט קאַלטע הענט, בעת דער טאַטע האָט זיי אונז געהייסן אַ קוש-טון. דאָך דעם טאַטן האָט געמוזט זיין וואַריִב, זיצנדיק נעבן איר, ווייל ער איז זיך אָנגעלאָפֿן אַ גאַנצן טאָג, דאָ אין דער קאַנצע-לאַריע, דאָ צו סטאָלאַרעס, דאָ וועגן אַ פֿורל. ווען די מענטשן זענען זיך צעגאַנגען, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן קאַנט פֿון בעט, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די הענט און געקוקט: דאָ אויפֿן שוואַרצן צלם, וואָס האָט געהאָנגען איבער דער מאַמעס בעט און, דאָ אויף די טיפֿע שאָטנס פֿון אירע פֿאַרשלאָסענע אויגן. איך בין איינגעשלאָפֿן, און ער איז נאָך אַלץ געזעסן. נאָר אינמיטן דער-נאַכט האָט מיך אויפֿגעוועקט אַ שטיל שלוכצן.

דאָס איז פֿעלעק, וואָס האָט זיך אַ גאַנצן טאָג געדרייט אַהין און אַהער, געמאַכט אָנשטעלן, אָפּגעשפּאָט פֿון מענטשן און מיר געשטורכעט אין דער זייט אַריין—געזעסן איצט אויפֿן שעניק, אינם ברייט צעשפּילעטן העמדל, די הענט—אַרום די שטאַרצנדיקע קני, האָט געקוקט איבערן פּוסטן צימער און געוויינט.

אויפֿן דריטן טאָג, מיר זענען נאָך געשלאָפֿן אין פֿאָדער-הייזל אונטער דער מאַנגל, וואוהין דער טאַטע האָט אונז געהייסן אַרויסשלעפּן דעם שעניק, אַז איך האָב דערהערט אין שלאָף עפּעס אַזוי ווי אַ באַקאַנט הירזשען.

איך האָב מיך אַ כאַפּ-אויף געטון; טהאַרץ האָט מיר גע-קלאַפּט ווי מיט האַמערס.

דאָס הירזשען האָט זיך אויפֿסניי אָנגערופֿן.

— פֿעלעק! די קליאַטשע הירזשעט! — האָב איך אויסגע-שריגן, אָנכאַפּנדיק אים ביים אָרעם.

ער האָט זיך אַ ריס-געטון און איבערגעדרייט זיך אויף דער צווייטער זייט. נאָר אַז דאָס הירזשען האָט זיך ווידער געלאָזט הערן, האָט ער זיך אויך אַ כאַפּ-אויף געטון, אַוועקגעזעצט זיך אויפן שעניק און בּרייט פאַנאַנדערעפנענדיק די אויגן, האָט ער זיך איינגעהערט.

אַ לאַנג דויערענדיק שטיל הירזשען האָט זיך ווידער אַ מאָל אָנגערופן.

— די קליאַטשע! — האָט פעלעק אַ געשריי-געטון און אַ כאַפּ-טוענדיק אויף זיך די יופּע, האָט ער זיך אַ וואָרף-געטון צו די טרעפּ פון קעלער.

איך האָב זיך גענומען גיך אָנטון און די הענט האָבן זיך מיר אַזוי געוואָרפן, אַז איך האָב צו קיין שום קנעפּל נישט גע-קאָנט צו-טרעפן.

— שטיי-אויף, פּיאָטרוש—האָב איך גערופן — שטיי-אויף! די קליאַטשע איז געקומען.

און איך האָב אים געטרייסלט, ווי אַ בינטל שטרוי, ווייל ס'איז אים געווען שווער אויפצורייסן פון שלאָף.

ווירקליך, פאַרן טויער איז געשטאַנען אונזער קליאַטשע איינגעשפּאַנט צו אַ פּראָסטן וואָגן, פאַרהאָנגען מיט אַ טוך. אויפ קאַרק איז איר שוין געהאָנגען פעלעק, אַרומנעמענדיק אים מיט ביידע הענט, אויף וויפיל ער האָט געקאָנט דערגרייכן. נעבן וואָגן איז געשטאַנען דער הער לוקאַש סמאָליק און מכבד געווען דעם סטרוזש מיט טאַבאַק.

מיר האָבן גלייך אויפגעהויבן אַ ליאַרם, נישט צום באַ-שרייבן.

— די קלאַטשע! אונזער קליאַטשע! אונזער טייערע, ליבע, אַלטע קליאַטשע! —האָבן מיר גערופן איינער נאָכן אַנדערן, גלעטנדיק זי, פלוידערנדיק און טוליענדיק זיך צו איר, וואו איינער האָט געקאָנט. פּיאָטרוש האָט מיטגעוואַלד געוואָלט אַרויפקריכן אויף איר.

— די קליאַטשע האָט זיך פאַרבענקט נאָך אונז, וואָס? זי איז געקומען צו אונז די קליאַטשע?... זי איז געקומען?... די

ערליכע, גוטע, אַלטע קליאַטשע אונזערע.

און מיר האָבן גענומען קוקן איר אין די ציין, אַרומטאַפּן די פּיס, קעמען איר מיט די פינגער די גזשיווע. און עס איז אונז אפילו נישט געקומען אויפן זינען, צוליב וואָס די קליאַטשע איז צו אונז געקומען, אויף וואָס דער וואָגן האָט עס געוואַרט.

אָבער אויך די קליאַטשע האָט אונז דערקענט, און אויך זי האָט זיך געפרייט מיט אונז; מיטן פאָדערשטן פוס, וואָס דער „שפּאַט" האָט היבש גרעבער געמאַכט, האָט זי געקלאַפּט איבערן ברוק פריילעך, לוסטיק, עפּעס ווי אויסשלאָגנדיק פאַר אונז פריידפונקען; איר קאָפּ האָט זיך דאָ אויפגעהויבן, דאָ—אָנגעבויגן, די נאָזדרע האָט מונטער געפּירקעט; דאָ ווידער האָט זי אויף אונזערע קולות און געלעכטערן געמאַכט מיט די אויערן, אויסגעצויגן דעם האַלז און איר הויך הירזשען האָט אונז אַ דורכגענומען מיט אַ אומגעוועגליכען תענוג.

דאָסדאָזיקע הירזשען האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט די קלאַנגען פונם גלאָק, וואָס האָט אין דער מינוט טריב אָנגעהויבן קלינגען. צוזאַמען דערמיט האָט זיך צוכראָגן פון קעלער-שטוב אַ שטומער אָפּקלאַנג פון אַ האַמער און איידער מיר האָבן זיך אַרומגעקוקט, האָט זיך שוין דער אָרון געפונען אויפן וואָגן.

— וויאָ! — האָט אויסגערופן דער הער לוקאַש. די קליאַטשע האָט גערירט פון אָרט, און מיר רירעוודיק—נעבן איר.

אין ראָג האָב איך זיך אַרומגעקוקט: דאָס הייפל שכנות און פאַרבייגייער איז זיך שוין געהאַט צעשווימען און נאָכן וואָגן, אויף וועלכן סאיז געזעסן דער הער לוקאַש און אָנגעטריבן, איז דער טאַטע איינער אַליין נאָכגעגאַנגען, מיטן היטל אין דער האַנט, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

דאַגעגן מיר דריי זענען געלאָפן סאַמע נעבן דער קליאַטשע פריילעך, לוסטיק, אויף קיין איין מינוט נישט איבעררייסנדיק די שמועסן און צערטליכקייטן צו איר. עס איז געווען אַ מאַי-פרימאָרגן, די שטראַלן פון דער זון האָבן באַגאָסן מיט אַ העלע שיין די גאַסן, די בריק און די ווייסל; פון יעדן געזימס האָבן געצוויטשערט די שפּערלען. נאָר העכער פון די שפּערלען

האָבן מיר דריי געפּלוידערט.

— זע נאָר, וויצעק—האָט פּעלעק אויסגערופן — ווי אויסגע־פּאַשעט זי האָט זיך עס! וואָס פאַר אַ זיבערגעלייגטע זייטן זי האָט?.. דו זעסט וואָס פאַר אַ ניי געשפּאַן...

און מיר ווידער אין אַ כאָר:

— קליאַטשע! אונזער קליאַטשע! אונזער טייערע, אַלטע קליאַטשע!

מענטשן האָבן אונז נאָכגעקוקט. אַ מאָדנעם איינדרוק האָט געמאַכט דידאָזיקע לויה מיט די דריי קינדער, וואָס האָבן זיך אַזוי גוט געוויילט—אָן דער שפּיץ. איבערהויפּט אויף די בריק, וואו מהאָט געמוזט צוליבן ענגשאַפט פאַמעליכער פאָרן, האָט אונזער לויה־סוויטע גאָר אַ איינדרוק געמאַכט.

די דורכגייער זענען שטיין געבליבן און געהויבן די אַקסלען. עטליכע מאָל האָט דער הער לוקאַש אַפילו געשריגן צו אונז, אַז מיר זאָלן נאָר גיין נאָכן וואָגן, נאָר מיר האָבן אויף קיין איין טריט נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון דער קליאַטשע.

די זון האָט וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער געוואַרימט, דער וועג איז געוואָרן זאַמדיק, שלעפּנדיק; די קליאַטשע האָט געצויגן איר משא מיט אַביסל אָנשטרענגונג: דאָס געזונטע אויג אירס האָט זיך געמרוזשעט פון דער שיין און אויף דעם בלינדן און פאַר־שטיינערטן, האָבן זיך אַוועקגעזעצט צערייצטע פליגן. האָבן מיר גלייך אָפּגעבראָכן עטליכע וויעזשבענע צווייגלעך און גענומען זיי האַסטיק אָפּיאָגן. אַליין האָבן מיר קיין שום מידקייט נישט געפילט. באָרוויס, אין געמיינע פלודער־הייזלעך און געלאַטעטע קורטקעס, האָבן מיר געשפּאַנט נעבן דער קליאַטשע פריילעך, לוסטיק און די צלמים פון „צמענטאַזש” זענען כסדר געוואַקסן און געוואַקסן פאַר אונז...

אַזוי ווי עס איז נישט געווען ווער סזאָל טראָגן דעם אָרון, האָט מען אונז אַריבערגעלאָזט מיטן וואָגן אויף יענער זייט טויער. דאָ דאַרף מען אָבער ערשט וואַרטן, ווייל דער באַ־גרעבער האָט נאָך נישט געענדיקט אויסגראָבן דאָס קבר, און האָט ערשט איצט גענומען איילנדיק אַרויסוואַרפן פון אים

לאָפּעטעס געל זאַמד. האָבן מיר זיך אַ נעם־געטון רײַסן פֿאַר דער קליאַטשע האָזן־שצאַװ און זאַפּטיקע בלימלעך, װאָס זענען געװען פֿול אױפֿן װעג דערװײַל האָט דער טאַטע מיטן הער לוקאַש אַרונטערגענומען פֿון װאָגן. דעם אָרון און אַװעקגעשטעלט אים אױפֿן ברעג פֿון קבֿר. ער האָט געמוזט זײַן נישט שװער, װײַל דער קום, כאָטש שױן אױף דער עלטער, איז געשטאַנען גלײַך אונטער אים; און דאָך האָט ער דעם כאַזען אַזױ אַראָפּגעבױגן צו דרערד, אַזױ װי קריסטוס אױף יענעם צלם, װאָס איך האָב געזען אױף די בערנאַרדינער קירכעס.

באַלד האָט אַ גלעקל אַ קלינג געטון מיט אַ דינעם קלאַנג, און אין אַ װײַלע שפּעטער, איז געקומען דער גלח אינם װײַסן העמדל און דער קירכע־באַדינער מיט אַ צלם און באַשפּרענקער. דער טאַטע האָט אױף אונז שטרענג אַ קוק געטון, האָב איך מיט פּעלעקן אַנידערגעקניט, האַלטנדיק אין די פֿױסטן הױפֿנס פֿריש גראָז. דער הער לוקאַש און דער טאַטע האָבן אױך אַנידערגעקניט. דער באַגראָבער האָט געענדיקט זײַן אַרבעט. דער גלח האָט אײנס־צװײ־דרײַ אָפּגעזאָגט זײַן לאַטײַנישע תּפֿילה, האָט מזכּיר געװען דער מאַמעס נאָמען, האָט געהײסן זאָגן „פֿאָטער אונזער", אַלײן דער ערשטער הױך אָנהײבנדיק.

דער טאַטע האָט אױפֿגעהױבן דאָס פּנים און בײדע הענט צום הימל; פֿון די אױגן זענען אים געפֿאַלן שװערע, גרױסע טרערן. פּעלעק קניענדיק האַרט נעבן מיר, האָט געמורמעלט „פֿאַציעזש" מיט אַן אײַנגעגעסענעם בליק אין דער קליאַטשע.

עס איז געװאָרן אַזאַ שטילקײט, אַז סהאָט זיך געהערט דאָס לײַכטע רױשן פֿון די װיעזשבעס און דאָס גרילן פֿון דער גריל.

אױ־װײ !... װײ !...—האָט זיך פּלוצלינג צעטראָגן אינמיטן דער דאָזיקער שטילקײט פּיאָטרושס דינע שטימעלע, װאָס האָט פֿולע הענטלעך גראָז און בלימלעך געהאַלטן דער קליאַטשע פֿאַרן מױל, פֿאַנאַנדערשיטנדיק „פֿעלד ברידערלעך" און װײַסע מאַרגאַריטקעס. די קלאַטשע האָט אײדל גענומען מיט די ליפּן דאָס גראָז פֿונם קינדס האַנט און געקײַט עס, אָנבײגנדיק דעם קאָפּ און מעלאַנ־

כאָליש אָפּקערנדיק דאָס בלינדע, ווייסליכע אויג אַקעגן דער זון. האָט דער גלח אַ קוק-געטון, האָט דער טאַטע זיך אַ קאָרטשע געטון און ווייל איך האָב געקניט אַמנאָנסטן אים אונטער דער האַנט, האָט ער מיר שטאַרק אויסגעריסן דאָס אויער.

אינדעם האָט פּעלעק אָנגעהויבן זיך זער הויך צו קלאַפּן מיט דער פויסט איבער דער ברוסט, אַלס צייכן, אַז ער האָט שוין דעם „פּאַציעזש" און אַלץ וואָס האָט געהערט צו אים פּאָלשטענדיק פאַרענדיקט. און טאַקי באַלד האָט ער, אַ בליק וואַרפנדיק אויפן טאַטן, אייגנגעבויגענערהייט זיך אַ לאָז-געטון צו דער קליאַטשע, און האָט אויך צו מיר אַ וואונק געטון. דער גלח, באַ שפּרענקלענדיק דעם אָרון, פון וואָס עס איז אויך אונז אָנגעקומען אַביסל, איז אַוועק מיטן קירכע-באַדינער.

דער קבר איז נאָך נישט געווען אויסגעגלייכט אינווייניק. דער באַגרעבער האָט אָנגעטראָפן אויף ליים און ער האָט עס צו ביסלעך נאָר גענומען אויף דער לאָפּעטע, אַזוי ווי פּוטער אויף ברויט.

דער טאַטע האָט כסדר געבעטן. נאָר דער הער לוקאַש האָט ווייזט אויס זיך געאיילט, ווייל ער האָט געהאַלטן אין איין שמעקן טאַבאַק, האָט געקוקט צום וואָגן און געקראַצט זיך איבערן קאָפּ. ביז זיי האָבן זיך ביידע אַרומגעכאַפּט, זיך איבערגעשאָקלט אין גרויס פריינטשאַפט איינמאָל און נאָכאַמאָל, נאָכדעם איז דער קום אַוועק צו דער קליאַטשע.

מיר האָבן דערווייל זי שוין געהאַט אויסגעפּוצט, אַזוי ווי אַ יינג מיידל. פרישע, צעבליטע אַקאַציען-צווייגן האָבן איר געשטעקט הינטער די אויערן, הינטערן שפּאַן, הינטערן כאָמעט. וואו ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט אַריינשטופּן. אַ בינטל געלע פעלד-בלימלעך איז איר געהאָנגען איבערן שטערן, אונטער דעם רימען. פון דער גזשיווע זענען איר אַרונטערגעפאַלן מאָן-בלימלעך. דאָס איבעריקע גריגוואַרג האָבן מיר געהאַלטן אין די הענט, כדי אַראָפּצויאָגן די בינען פון דער קליאַטשע.

איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַן אמתער טריומף-מאַרש.

פּאָרויס האָט געשפּאַנט פּיאָטרוש, נישט קוקנדיק אויף קיין

וועג און שטעג, אָנטרעטנדיק אויף די קליינע, פרישע, געל-זאַמדיקע קינדער-קברימלעך ביי יעדעס מאָל זיך אומקוקן אויפן וואָגן. נאָך פיאָטרושן —די קליאַטשע, וואַרפנדיק מיט אַ שטיל פירסקען מיטן קאָפ, וואָס איז געווען שווער בעהאָנגען מיט בלימלעך און גרינסן. איך ווידער און פעלעק זעמיר געגאַנגען איר פוןביידע זייטן, אַזוי ווי וואָפן-טרעגער. דער וואָגן האָט זיך פאַמעליך געקאָלערט, דאָ אויפהייבנדיק זיך און דאָ אַרונטערפאַלנדיק אויף די איינגעפאַלענע קברים. און הינטער אונז איז מיט אַ טויבן, וואָס אַמאָל אַליין אַ טויבערן קלאַפ, געפאַלן די ערד אויף דער מאַמעס ארון.